STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05639

# MI-MAAMAKIM

L. Aichenrand

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Anne Phillips*
*in memory of*
*William Chrobersky*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג
די
גאָלדענע
פּאַווע

LAJZER AJCHENRAND - DES PROFONDEURS DE L'ABIME
POÊMES ET SONNETS

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון דער קולטור=אָפּטיילונג
ביים „דזשאָינט“ אין פראַנקרייך

PRINTED IN FRANCE - IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS Xe
COPYRIGHT BY « DI GOLDENE PAVE » 12, AVENUE SCRIBE, MEUDON (S.-&-O.)
ET LAJZER AJCHENRAND

לייזער אייכענראַנד / ממעמקים

[illegible]

לייזער אייכענראַנד

# ממעמקים

## לידער און סאָנעטן

פאַרלאַג די גאָלדענע פּאַווע

פּאַריז 1953

...און גיב גאָט
אַז ווען אונדזערע מערדער
וועלן אין זיך אַריינקוקן
זאָל זיי אָנכאַפּן אַ גרויל
פאַר זיך אַליין.

# איבעריק ווערט מיר

ביי טאָג טרינקט איר די נאַכט פון מיין בליק:
אין דער נאַכט איז ער ווי פאַרלאָשן ליכט.
צווישן לעגענדעס בלאָנדזשעט אַ הייליקער הין און צוריק —
און נאָר דער טויט טראָגט זיין אייגן געזיכט.

עמעץ גייט מיט פאַרברענטע טריט דורכן נאַכטיקן לאַנד:
אַ געשטאָרבן קינד טראָגט זאַלץ און ברויט מיר אַנטקעגן;
דער ווינט רייסט קריעה אין מיין פאַרבלוטיקט געוואַנט.
פון אייביקן שלום רעדט הונגער אויף אַלע וועגן.

זיבן מאָל בייגט זיך פאַר מיר דער טויט,
זיינע שטיינערנע ליפּן רעדן פון אומשולד און געוואַלד —
צו זיין אייגענער לוויה ציט אַ פֿויגל רויט —
און איבעריק ווערט מיר מיין מענטשלעך געשטאַלט.

# דער אָנהייב

אין קעלער, אונטער פאַרהאַסטע נאַכטלעכע טויערן,
איז ווידער אַ הייליקער צווישן אונדז געבוירן.
— שטיל טאַנצן מלאכים אויף ברודיקע גאַסן.

דעם הייליקן קומען באַגריסן צוועלף אייזערנע קריגער,
מיט הייסע ליפּן בעט יעדער: „מאַך מיך פאַרן זיגער.“
— אין בלינדע פענצטער זעט מען שטערן דערבלאַסן.

אין קילע הענט טראָגט יעדער אַ שוואַרצן בעכער,
פינצטער פיבערן זייערע אויגן ווי תהומיקע לעכער.
— אַ שאַקאַל איז חושכדיק לעבן זיי פאַרבייגעצויגן.

אין יעדן בעכער גיסט דער הייליקער פון גלויבן אַ טראָפּן.
שאָטנדיקע מאַמעס מיט ווייסע פינגער אין די פענצטער קלאַפּן.
— טיף האָט זיך דער שאַקאַל פאַר די קריגער פאַרבויגן.

## מ ל ח מ ה

אין דאָרשט ליגן פֿאַרשטיינערט די פֿעלדער.
ברוין זשאַווערט דער אַקער פֿאַר דעם שטאָל.
מיט פֿלאַמען און רויך אָטעמען די וועלדער.
די שווערע וואָלקנס שפּייען ווי מיט גאַל.

קינדער זוכן די אייגענע אויגן אין בלוט,
אין אַשיקע טכריכים הילט זיי יעדע גאַס.
מאַמעס וואַכן אויף פֿון שגעונדיקער גלות
און ווערן פֿון טיפֿן צער קיל און בלאַס.

נשמות שטייגן אויף צו אַ צעריסענעם הימל
און קריצן דאָרט איין היעראָגליפֿן פֿון נויט —
זיי רייסן קריעה אין שטערן פֿון הימל
מיט קאַלטע פֿינגער פֿון נאַכט און פֿון טויט.

אין־סופֿיק פֿאַרזינקען תּקופֿות און צייט.
הונגעריקע וואָגלען אין חשכות דורך נעכט —
אין פֿינצטערן שטאָלץ רופֿן מלאכים פֿון ווייט
די שטאַרבנדיקע קריגער צום לעצטן געפֿעכט.

פֿון דונער און בליץ דער צעפּלאַמטער ווינט
הילט אַרום די ערד מיט פֿייער־טליתים
און שווייגנדיק וואַרט ער, ביז עס צערינט
דער לעצטער זיפֿץ פֿון די מתים.

# מיין מאַמע

מיין שוועסטער עטקע און אַלע ניט־דערמאָנטע דערמאָרדעטע שוועסטערן

א

שוועסטער, ווען דיין האַנט
לעשט לבנה אויס,
שטייגט פון אַ פּראָסטיקן קבר
אונדזער מאַמע אַרויס.

זענען אירע טריט
אַזוי שטיל געוואָרן —
ווי דאָס קאַלטע שווייגן
אינעם שוואַרצן קאָרן.

פון אירע ווייסע תכריכים
רינט אַן אוראַלט קלאָגן —
גרין לאַכט הינטער איר
טאָרקוועמאַדאַ אין זיין וואָגן.

גלאָזיק צעפּאַלט זיין געלעכטער
אין פאַרלאָזענעם וואַלד —
פינצטער פון יעדן קבר
ברענט אַן אַנדער געשטאַלט,

און סקעלעטיש ציען זיי
אייביק דורך די נעכט;
זייערע שטערנס קושט די מאַמע:
„גאָט און זיין מישפּט איז גערעכט.“

ב

אוים די וועלדער פון טויטע ביינער, פון זייער גרויליקער מיט,
קומט מיין מאַמע צווישן שוואַרצע מלאכים מיט אירע פאַרלאָשענע טריט.
פאַר מיין טיר ווייסע טעפּיכער שפּרייט זי אוים.

קיל רוט איר שטערן אין נאַכטס זילבערנע הענט.
אויף אַ פעלד גליווערט שוועסטער שטום און געשענדט.
אַ ברוינע היענע, געזעטיקט, וואַקלט אין ווייט אַרוים.

און די שטערן גליען ווייס און קאַלט,
איבער שוועסטער און היענע ציטער גאָטס געשטאַלט —
מיט בלויע ליפּן רעדט פון ליבע אַ פאַרגאַזטער ייד.

טיף און קרישטאָל־ריין רינט שווייגן איבערן פעלד.
נאַכט האָט פון שוועסטערס ברוסט זיך טרינקען געשטעלט —
וויינענדיק זינגט די מאַמע אַ טרויעריק ליד.

# דאָס געטאָ ברענט

זענען אויפגעריסן אַלע טירן,
אויפגעפּראַלט אַלע פענצטער;
אין די בלויע פליגל פון ווינט
לאַכן רויטע געשפּענסטער:
— דאָס געטאָ ברענט, דאָס געטאָ ברענט!

איז מיין טויטער שוועסטערס שאָטן
קיל דורך מיינע אויגן
צו דער קאַלטער גרינער לבנה
מיט איר ברענענדיק קינד געפלויגן:
— דאָס געטאָ ברענט, דאָס געטאָ ברענט!

האָט די נאַכט מיט שוואַרצע מעסערס
געשניטן ברוסטן פון מיין מאַמען,
מיט איר פאַרפרוירן בלוט
געוואָלט פאַרלעשן די הייסע פלאַמען:
— דאָס געטאָ ברענט, דאָס געטאָ ברענט!

האָט מיין פאָטער פון אונטער דער ערד
זיין האַרץ אַרויסגעטראָגן,
ווי אַ בליץ געשליידערט עס פאַר גאָט
און צאָרנדיק אָנגעהויבן קלאָגן:
— דאָס געטאָ ברענט, דאָס געטאָ ברענט!

איז מיין ברודערס אייביקער טרויער
געקומען פינצטער צו פליען,
געשטעלט זיך שווייגנדיק פאַר גאָט
אויף זיינע סקעלעטן-קניען:
— דאָס געטאָ ברענט, דאָס געטאָ ברענט!

נאָר ער — ער איז קאַלט און שטום
ווי אייז און גראַניט
און וויקלט די ערד ווי אַ נאַס טוך
אַרום זיינע הייסע טריט:
— און דאָס געטאָ ברענט, און דאָס געטאָ ברענט!

שעפּ איך ווילד דאָס פלאַמענליכט
און טרינק עס פון מיינע הענט,
און שפּיי עס אים דאַן אין געזיכט,
און וויין און שריי:
— גוט אַז עס ברענט! גוט אַז עס ברענט!

# מען פירט זיי צום שחיטה-פּלאַץ

פון דער ס. ס. אַרומגערינגלט גייען זיי שווייגנדיק
איבער די וואַרשעווער גאַסן צום שחיטה-פּלאַץ.

אכזריותדיקע רו — ווי שטיל איר גייט,
גאָר ניט רירט זיך מער אונטער אייער טריט;
אויף דער ערד וואָס ליגט קאַלט און גרייט,
ציט די פאַרלאָזנקייט מיט אייך ווי אַ גואל מיט.

גאָר ניט רירט זיך מער אונטער אייער טריט.
טונקל רינט נאָר אַן אוראַלט שטיל געוויין.
אַ מידבר-זון ברענט נאָך אייערע לעצטע טריט;
וואַסער שלאָגט קיינער מער ניט פון אַ שטיין.

טונקל רינט נאָר אַן אוראַלט שטיל געוויין
אין דעם זכרון. און אַ לאַנגע טויטנדיקע שלאַכט
גיסט שווער אין דער יינגסטער צייט אַריין
דעם קאַלטן אָטעם פון טויזנטיאָריקער נאַכט.

אין דעם זכרון ברענט אַ לאַנגע טויטנדיקע שלאַכט
אין שטעט וואָס דאָס לעבן טוט פאַרמיידן —
אוי גאָט! עס איז דעם תּליונס דאָרשט דערוואַכט
און וויל מיט אונדזער בלוט זיך ניט צעשיידן,

אין שטעט וואָס דאָס לעבן טוט פאַרמיידן —
אין־סופיקע טרויער — ווער זאָל אונדז פאַרגעבן?
מוז איך אַ לעצטער בייזיין, ווען זיי פון לעבן שיידן,
און נאָך צווינגען צו זייער נאַקעטן באַגרעבן?

אין־סופיקע טרויער — ווער זאָל אונדז פאַרגעבן?
גאָר ניט רירט זיך מער אונטער זייערע טריט —
ווי אַ שוואַרצער טייך ליגט די ערד, אָן לעבן;
שפּאַנט ישו צווישן אייך איצט אין אייער מיט?...

# מיין פאָלק

אַ, פאַרלאָשענער בליק,
טונקל, קבֿרימדיק פאַרשטומען;
ווער גיט דיר דאָס ליכט צוריק
וואָס מען האָט דיר צוגענומען?

אונדזער אונטערגאַנג צעשטראַלט
אַ ים פון שווייגן,
שטילער נאָך ווי ווען עס פאַלט
אַ בלאַט פון די צווייגן.

שטילער — שטילער —

אַ, פאַרלאָשענער בליק,
אַלע הימלען פאַרטונקלט דיין צער;
יעדע רגע פירט אונדז צוריק
צו אַ פאַרשטיינערטן גלות־האַר.

מיר ליגן צעשפּרייט
ווי שטערנדיקער שטויב אין ווינט,
פון אונדזערע ליפּן שרייט
דאָס בלוט נאָך בשעת סע רינט;

שטילער — שטילער —

אָ, פֿאַרלאָשענער בליק,
צערונען ווי דער נאַכטיקער מאָן,
ווער גיט דיר ס׳ליכט צוריק
וואָס כישופֿט דיך פֿון בראשית אָן?

די געטאָ-שרעק ברענט
אויף ליפּן פֿון אַ דערמאָרדעט קינד
און פֿעלקער טראָגן אין הענט
דעם קאַלטן רויך פֿון מיטנאַכט-ווינט

און ציען פֿינצטער פֿאַרביי
פֿאַר אונדזער לאַנג און היים געבעט,
ווי פֿאַר שטורעם-געשריי
אין פֿאַרפּוילטע חורבות פֿון שטעט —

שטילער — שטילער —

אָ, פֿאַרלאָשענער בליק,
אויסגעטונקלט פֿון נאַכט און פֿון שפּאָט —
מיר זענען די פֿייערבריק,
אויפֿגעשפּאַנט צווישן טייוול און גאָט.

# מיר קענען אייך

טריט אין בלוטיקן נעפּל, גלעזערנע שלעסער אין ווינט,
מיר קענען אייך אין פאַרכישופטן גלותדיקן לאַבירינט.

בלאָנדזשען מיר פאַרגעסן אין פאַרלאָשענעם גאָרטן — נאַכט,
וווּ אין קאַלטן לבנה־שיין אונדזער פאַרלאָזנקייט וואַכט.

וווּ אין אונדזער קלאָגן פאַרלעשן זיך תקופות און צייט
און מיר זענען צווישן פעלקער די גרויסע איינזאַמקייט;

וווּ אונדזער לעבן ברענט אויף שייטער־הויפן אין־סופיק שטיל,
און מיר זענען דער טראָפּן וואָס איז אין בעכער צו פיל.

דו, וואָס אַ יעדנס גורל פון דיין פאַרשוויגענער האַנט פאַלט,
אַנטפּלעק נאָך איין מאָל דעם מענטשן אין דיין אמתדיק געשטאַלט.

ווען דער אמת און שקר מישן זיך ווי דאָס דעמערדיקע ליכט;
ווען אונדזערע מתים רופן די פעלקער צו דיין גרויס געריכט;

ווען אונדזער לאַכן ווערט שוין אין געבוירן פאַרשטיינט;
ווען אין זייערע אויגן תמיד דער קין־צייכן שיינט —

לעבן מיר נאָך מיט דיין בראשיתדיקן וואָרט פאַרבונדן
און צינדן יעדעס אות אין בלוט פון אונדזערע ווונדן —

טריט אין בלוטיקן נעפּל, שווינדלדיקע בריקן אין ווינט —
מיר קענען אייך אין אייזיק־גלותדיקן פעלקער־לאַבירינט.

# טויט און ווידערגעבורט

האָסט מורא?
שעכט ווייטער און טויט!
איז דיין מעסער טעמפּ?
לאָז עס שאַרפן!
שנייד מיינע אָדערן אויס
און שפּאַן זיי אויף דיין געווער
ווי אויף האַרפן —
און הילך ווי טויזנטער אָרגלען
און טרומייטער און שאַל:
די יידן זענען פון גראַניט!
די יידן זענען פון שטאָל!

האָסט מורא?
זע, פון בלויען באַרג
קומט משה —
אויף זיין שטערן טראָגט די זון,
זיין בליק רוט איבער אָקעאַנען!
יאָרטויזנטער רוישן אין זיין בלוט,
זיינע ווערטער פלאַטערן
ווי רויטע פאָנען!
זע, דאָרט קומט די מוטער רחל
פון טונקעלן ברונעם,
אין איר בלייכער האַנט
דער זילבערקרוג;
און דאָס דעמערדיקע ליכט
ציטערט פאַרחלומט איבער יוספס וויג —

שעכט זיי, טויט זיי!
איז דיין מעסער טעמפּ?
לאָז עס שאַרפן!
הערסט — דוד שפּילט
אויף זיינע צויבערהאַרפן;
און די נאַכט ציטערט בלוי
און די נאַכט ציטערט שטיל
און אַ טונקעלער וואָלקן
ציטערט איינזאַם און קיל.
דערוועריג אים,
זאָל ער שטאַרבן!
זאָל זיין רויט בלוט
וונדערלעכע נעכט דורכפאַרבן!

זיי קומען ווידער!
פון אַלע ערדטיילן,
פון אַלע עקן;
איינער טראָגט ווייסע ליכט,
אַן אַנדערער דעם וואַנדער־שטעקן —
אין משהם האַנט
צאַפּלט די ערדקויל ווי אַ האַרץ;
מיט דער צווייטער שפּאַלט ער ימען;
יוסף קומט פון גרוב אַרויס
און הערט די ווייכע טריט
פון זיין מאַמען —

טויט זיי נאָך אַ מאָל,
נאָך צוועלף מאָל טויט זיי!
גענוגט דיין מעסער ניט?
נעם קאַנאָנען!
נעם גיפט!
נעם גאַז!
נעם גראַנאַטן!

זיי קומען ווידער —
דער יונגער זון,
פירט דעם אַלטן טאַטן;
זיי גייען ניט,
זיי שוועבן —
אין יעדן גליט נײַ
זײַן געראַבט לעבן!
און דורך בריקן,
אויף נעפּל געשפּאַנט,
זייערע טריט רוישן
פון לאַנד צו לאַנד.
אָ, דײַנע שטיינערנע ווענט,
דײַן טויטע שרעק —
טויזנט מאָל רוף איך דיר צו:
וואַרשע און מאַידאַנעק! —

האָסט מורא?
שעכט ווייטער און טויט!
איז דײַן מעסער טעמפּ?
לאָז עס שאַרפן!
שנייד מײַנע אָדערן אויס
און שפּאַן זיי אויף דײַן געווער
ווי אויף האַרפן
און הילך ווי טויזנטער אָרגלען
און טרומייטער און שאַל:
די יידן זענען פון גראַניט!
די יידן זענען פון שטאָל!

# קוים זע איך דיין שטיינערן פנים

קוים זע איך דײַן שטיינערן פנים
צווישן פאַרסמטע ברענענדיקע שטעט,
פאַרפּרירט אויף די ליפּן מײַן געבעט —
קוים זע איך דײַן שטיינערן פנים:
דו ברוינע גלוסט פון אוראַלטן וואַלד,
פינצטערער דראַכן דו, אין טויטס געשטאַלט —

קוים זע איך דײַן שטיינערן פנים,
דערציילט דײַן לאַכן ווי אַ קרומע שווערד
פון אייביקער ליבע אויף דער געדולדיקער ערד —
קוים זע איך דײַן שטיינערן פנים:
דו בלוטיקע לעגענדע, פעלקערס אייביקער טרויער,
צוועלף מאָל געקרייציקטער ישו אויף דײַן טויער —

קוים זע איך דײַן שטיינערן פנים,
נאָגן ס׳בלוט פון אונדזערע אויגן שפּינען,
לאָזן עס דורך דײַנע גרינע אָדערן רינען —
קוים זע איך דײַן שטיינערן פנים:
קלאָגן דײַנע זין ווי געררייצטע שלאַנגען.
דורך וועמענס חלום איז מאַידאַנעק געגאַנגען?

קוים זע איך דיין שטיינערן פּנים,
פיבערט די ערד היים און רויט
ווי דער לאָמפּן־אַבאַזשור פון מיין מאַמעס הויט —
קוים זע איך דיין שטיינערן פּנים:
דו האָסט פון דיין לייב דיינע זין געבוירן,
מיט גליענדיקע ליפּן צום מאָרד זיך באַשווירן —

קוים זע איך דיין שטיינערן פּנים,
דו קין צווישן פעלקער, דו גייסט פון ס״ם,
זינגט אין גאָרטן פון בלוט דער נאַכטיגאַל —
קוים זע איך דיין שטיינערן פּנים:
שטראַלנדיק ווי אַ מוטער מיט געשלאָסענע אויגן
פון ליבע, האָסטו דיינע זין שווייגנדיק געזויגן,
פאָלק דו פון אַלע גרעסטע מערדער!

# די באַלאַדע פון ישו און אַ יידיש קינד

אָוונטגלאָקן — שוואַרצע אָדלער ציטערן.
געשטאָרבענע נשמות קלאָגן אין ווינט;
אַרומגעהילט פון שקיעהדיקע געוויטערן
שפּאַנט ישו מיט אַ יידיש קינד.

ווי גאָטס אָטעם אונטער זייערע טריט
פיבערט די ערד היים און שווער;
קיל ווי אַ שאָטן שלייכט נעבן זיי מיט
אַן ס. ס.־מאַן מיטן בלאַנקן געווער.

דודם שטערן אויף ישו׳ס ברוסט —
שטיל און טיף איז ער פאַרטראַכט;
ס׳טרינקט דאָס קינד די שטערן־גלוסט
וואָס רינט קיל אין דער נאַכט.

ער נעמט עס ווייך אויף זיינע הענט —
די ערד האַלט איר אָטעם איין;
צוועלף מאָל האָט ער זיך דערקענט
און ביידע לאַכן צום לבנה־שיין.

קיל ווי אַ שאָטן שלייכט נעבן זיי מיט
אַן ס.ס.־מאַן מיטן בלאַנקן געווער;
פון אונטער זיינע אייזערנע טריט
שטייגן טויטע שווייגנדיק אַפּער.

אין זייערע אַשיקע קיטלען פון וויטן
קען מען אַ בלויען רויך דערקענען;
ווי שוואַרצע ליכט זייערע אויגן באַגלייטן
ישו'ן מיטן קינד צום פאַרברענען.

# אַ קליינע באַלאַדע

אויסגעהויכטע נשמות וואָס פּלאַטערן תּמיד אין ווינט —
צו אַ יידישער מאַמע קומט אין חלום אַ דערמאָרדעט קינד.

ציטערט די מאַמע אויף: דעם קינדס שטערן בלוטיקט רויט,
אין קינדס אויגן שאַטענען אָפענע קברים פון טויט.

זייער שווייגן איז אַזוי טיף און גיהנומדיק הייס
און שלאָגט אויף איר שטערן אַרויס שוואַרצע טראָפּנס שווייס.

בייגט זי זיך איבער די אַשיקע ליפּן צו פאַרנעמען אַ הויך,
וויקלט זי אַרום אַ בלויער נעפּל פון גאַז און פון רויך.

וויל זי מיט איר ליִב וואַרעמען זיין גרינע הויט,
ציט פון קאַלטן גופעלע אַרויס אַ וואָלקן פון שרויט.

דעם קינדס פינגער צינדן זיך אָן ווי שוואַרצע ליכט,
זייער פלאָם איז פינסטערער ווי פאַר־בראשית־נעכט.

טרערן ווי שוואַרץ־אַפּל פאַלן אויף זיינע קילע האָר
אינעם צעבראָכענעם בעכער פון זיין פאַרסמטן איינציקן יאָר.

וויל די מאַמע שרייען: שמע...! — ווערגט זי איר אייגן קול
און צעגיסט זיך אין פאַרשטיקטן האַלדז ווי הייסער שטאָל.

אַ פינסטערניש צערוישט זיך איבער איר שווערן קאָפּ
וואָס ציט זי מיט קאַלטע הענט אין אָפענע קברים אַראָפּ —

בעט דאָס קינד רחמים ביים שווייגנדיק־קאַלטן טויט:
דערלייז! דערלייז מיין מאַמען פון דער טיפער נויט!

# דערמאנונג

דערמאנונג — קאַלטער שפיגל,
גרויע שאָטנס און נאַכט;
אַ וועג אויף רויכיקע פליגל
האָבן זיי צום הימל געמאַכט.
אין די טויטע שטעט,
וווּ ס׳וויעט אַ שווארצער ווינט —
ווער זאָגט קדיש, ווער בעט,
ווער רופט גאָט אַצינד?

איך מוז דיך טרינקען
מיין גאַנץ לעבן ווי סם,
און וועל אייביק זינקען
אין דיין חשכותדיקן ים;
דיין אָטעם ציט
אין דער פאַרלאָשענער וויט,
וווּ די איינזאַמקייט בליט
אָן אַ גאָט, אָן צייט.

איר פראָסטיקע צעלטן
אויפגעשטעלט פון טעג —
וויפל פאַרגליווערטע וועלטן
ליגן אויף אייערן וועג!
מיין דאָרשט קוועלט
פון אַ פאַרברענט פאָלק אַצינד;
אין פאַרגעסנהייט פאַלט
גאָט, מענטש און קינד.

איר צערונענע פֿאַרלאַנגען,
אין בלוי־פֿאַרגאַזטן דופֿט —
אייערע פֿאַרלאָשענע קלאַנגען
די מיטנאַכט אין מיר רופֿט
אין די טויטע שטעט
וווּ ס'ווייעט אַ שוואַרצער ווינט —
ווער זאָגט קדיש, ווער בעט,
ווער רופֿט גאָט אַצינד?

דעראינערונג — קאַלטער שפּיגל,
גרויע שאָטנס און נאַכט;
אַ וועג אויף רויכיקע פֿליגל
האָבן זיי צום הימל געמאַכט.

# איך הער די טויטע וויינען

איך הער די טויטע אין מיר וויינען:
„אין אונדזער סוף ביסטו אַ נייער באַגין;
דיין וואָרט זאָל ווי קרישטאָל שיינען,
ווי עס שיינט אין אונדז דער בראשית-זין.

ווען זייערע הערצער ניט מיט ליבע שלאָגן,
נאָר וואָיען ווי די הינט צום לבנה-שיין,
זאָל דיין וואָרט אַזוי ווי איוב קלאָגן
איבער זייער ברויט און איבער זייער וויין.

ווען זיי וואַלגערן זיך אין תהומיקע טיפן
און רייסן צײַנערדיק אונדזער לייב ווי וועלף;
בעת זייערע הייליקע לאָזן נאָך טראָפּנס טריפן
און זאַלבן זיי אין אָפּשיין פון די צוועלף —

קריץ אין הארטן גראַניט איין זייער נאָמען,
אויף פאַרברענטע ליפּן פון אַ דערמאָרדעטן קינד;
אויף אַלע טעג וואָס פאַרגייען און קומען
קריץ אים איין ווי פייער אין אייזיקן ווינט!

קריץ אים איין! און אַלע די זעקס מיליאָנען
שטרעקן פון דער ערד דיר אַרויס זייערע הענט,
אַז אויף יעדער זאָל ווי אויף שוואַרצע פאָנען
בלייבן זייער נאָמען ווי פון שאַנד אַ מאָנומענט!"

איך הער די טויטע אין מיר וויינען:
אין אונדזער סוף ביסטו דער באַנייטער ווילן —
דיין וואָרט מוז ווי אַ קרישטאָל שיינען
און ווי אַ קללה וואָס טאָר ניט פאַרשטילן.

# ברוינע שקיעה

נאָך אוים מיין טיפן שלאָף אין קברדיקער מיט
וועקן מיך דיינע אייזערנע פּראָסטיקע טריט.

ווילד לאָכסטו דורך די נעכט ווי דער קאַלטער ים,
שווער שטאַרבן די פאַרלאָזענע אין דיין הייסן פלאַם.

האַרט ווי דאָס שווייגן אין דעם שטומען שטיין
טריקנט דיין ברוינער דאָרשט אַלע פעלדער איין.

אין מיין זכרון שפּיגלט דיין שטיינערן פּנים דעם טויט —

זע, איך בין אַלט צוויי טויזנט יאָר און שווייג;
ווייסע קרייצן שלאָגן מאָרגנס אויף יעדער צווייג —

אָ, טונקל רוישט שוין ווידער אין מיין קאַלט געהער;
אויף וויפל ווינטן דונערט דיין טויטער טריט אהער?

דו ברענסט מיך אפילו אין מיין קברדיק טיפן שלאָף!

# אַן אַלט מאָטיוו

די לעצטע שעה צערינט איבער דער געשאָכטענער עדה —
אין חלום גייט דאָס שטעטל אויף אין מיינע אויגן
און איך זע: דער אַלטער שמש האָט תפילהדיק אויסגעצויגן
זיין נאַקעטן האַלדז צום מעסער ווי אויף דער עקדה —
שטערן מישן זייער קאַלטן גלאַנץ מיטן בלוט פון דער עדה.

די נאַכט טראָגט אַרום איר שווייגן ווי אַ הקפה
און טאַפּט מיט בלינדע פינגער די אויפגעבראָכענע פענצטער
און הערט, אין שטילן צאַנקען זינגט דער קלענסטער
אויס דער גוססדיקער עדה פון תהילים די לעצטע סטראָפע;
די נאַכט טראָגט איר שווייגן אַרום די גוססים ווי אַ הקפה.

אַרום דעם עמוד ציטערט שטיל אַן אויסגעהויכטע נשמה.
מיט קילע הענט טוט די ערד די געשאָכטענע פאַרוויגן
מיטן חזנס פאַרשוויגענעם אבלדיק־אומעטיקן ניגון;
פאַר גזלנים טראָגט זי אין איר וואַרעמען שויס מסתמא
אַ צעבליט קאָרנפעלד פון אַ פרילינגדיקער נשמה.

די לעצטע שעה צערינט איבער דער געשאָכטענער עדה;
אין אַ חרובדיק שטעטל וואָס גאָט אפילו האָט פאַרגעסן
ציען די טויטע צו אייגענער לוויה שטום אין מעת לעתן;
און ניט־געבוירענע אייניקלעך וואַרטן ביי דער עקדה
אויסצומישן זייער טרויער מיטן בלוט פון דער עדה.

# פאַרוואָגלטע דורות

יגאל, ווען די זיבעטע זון אויף דיין שטערן ברענט,
בענטשט יעקב אבינו דעם דאַרשט פון דיינע הענט —

יעקב שטרעקט זיינע דלאָניעס אוים: געלויבט זיי האַר און בורא —
און וויקלט דעם הימל אויף ווי אַ ספר־תורה:

בראשית ברא — מיט טויזנט קולות צעפלאַמט זיך די וויט,
פאַרוואָגלטע דורות, שטייט אויף, עס איז שוין צייט!

יעדעס אות צעהעלט זיך ווי אַן אייביקער פאַקל:
— אדוני, אַנטפּלעק מיר דעם זין, דעם לעצטן סך־הכל —

די צוויי טויזנט יאָר אויף מיין גומען זענען ביטער ווי גאַל.
וועלכע העכסטע מדרגה פאַרשליסט ניט דער טיפסטער פאַל?

אין דיין שוויגן צו רוען איז טיפער ווי אין טויט,
יעדע נאַכט קומען די פאַרגאַזטע עסן פון מיין טיש דאָס ברויט.

פאַר ירושלימס זיבן טויערן בלייבן זיי אַ ווײַלע שטיין,
די נאַכט און די ערד האַלטן היים דעם אָטעם איין.

אַן אויסגעלאָשענע לבנה טראָגט יעדער אין דער קנאָכיקער האַנט
און זיי שפּאַנען פֿינצטער אַוועק צוריק אין גלות־לאַנד.

ווען די טויטע האָבן ניט קיין מנוחה, האָבן לעבעדיקע ניט קיין ברויט.
אדוני, אין דיין שווייגן צו רוען איז טיפֿער ווי אין טויט.

יגאל, ווען די זיבעטע זון אויף דיין שטערן ברענט,
בענטשט יעקב אבינו דעם דאָרשט פֿון דיינע הענט.

## ממעמקים

גע‌ביי‌טשט
פון פראָסטיקע לבנהס
יאָגן ווילדע וועלף זיך
דורך די אויגן פון ייִנגסטן דור.
שפּינען זאַמלען ווידער
שוואַרצע פּייערן
אין הערצער פאַרשטיינערטע פון פעלקער.

אויס קײלעכדיק-קינדערישע אויגן
רינט אַ טונקעלער פּחד
אין די אַשיקע טריט פון אונדזער צייט.

פלאַמיק באַפליגלטע פערד
טראָגן זיך מיט טויטע זעלנער
איבער טייכן שפּאַטנדיק בלוט.

פאַרגעסן האָט אַלץ
די שטאַרבנדיקע זון —

און ביי האַלבנאַכט-טויערן
בליט אויף דער צער
פון ניט-געבוירענע אייניקלעך;
די תפילות פון אונדזערע אבות
שפּאַלטן קברים.

אין חרובע שטעטלעך
גייט די שטילקייט אַרום אין תכריכים;
און אַ רגע פון מיין בענקשאַפט
זאַמלט דאָרט איין אין אַ טלית
אַלע פאַרגאָסענע טרערן.

דער זיפץ פון אַ פאַרפייניקט קינד
שטורעמט אומזיסט
דעם פאַרשטיינערטן הימל.

נאָך אַלץ לייכט, קאַלט און בייז,
דער סאַטורן
איבער בלוי־פאַרגאַזטע ליפן;
אונטער די שווייגנדיקע אויגן פון דער נאַכט
קריצט עמעץ אין אוראַלטן גראַניט
די צייכנס פון אַ טונקעלער צוקונפט:

עס איז דער צער פון אונדזער דור,
דער צער וואָס וויל גאָט דעריאָגן —
ווער ווייסט
וואָס נעענטער איז צו גאָט?

ווי דורך אייזיקע טאָלן
יאָגן זיך ווילדע וועלף
דורך די אויגן פון אונדזער דור!

# מע אנו

ביי נאַכט זענען מיר די טונקל־פאַרלאָשענע וועגן,
דער טרויער פון אונדזער בלוטיק־פאַרגעסן דור.

אונדזער געלעכטער איז דער אַש פון פאַרלאָשענע רגעס
וואָס שיט זיך דורך אונדזערע פינגער שוואַרץ און קאַלט.

אונדזערע אויגן זענען אָפענע קברים ווו עס רוען
לאַנג פאַרשטאָרבענע געליבטע און צערונענע טעג.

אונדזער איינזאַמקייט אָטעמט מיט אוראַלטע צייטן
מיט פראַסטיקן קלאַנג פון ניט־געבוירענע מלאכים.

אין אונדזער געוויין ווערט איוב תמיד געבוירן,
אונדזער תפילה טרעפט אָן די פאַרשטיינערטע רו פון גאָט.

אונדזער האָפענונג איז דער וואַלד אויף דער לבנה,
דער בראשית פון אַ קיינמאָל־ניט־קומענדיקער צייט.

אונדזער וואָרט איז נאַקעט ווי דער קאַלטער הימל
און רייניקט זיך תמיד אין די טייכן פון טויט.

מיר וואַרטן מיט זינגענדיקע פלאַמען אין די אָדערן,
מיט אַ בלויער נשמה אין אַ קיל ווערנדיקן האַרץ.

דער מיטנאַכט-גאָט רויכערט אויף אונדז מיט סמען,
זיינע טריט הילכן אין נאַרטן פון אונדזער שלאָף.

אין אונדזערע שטעטלעך יאָגן זיך שוואַרצע ווינטן,
אין גאַסן פון דערמאָנונג — די נאַכט מיט אַ מעסער אין מויל.

פון אונדזערע ליפן טריפט דער שווייס פון קומענדיקן דור
און דער לעצטער אויסגעשריי פאַר די פעלדזן פון נייעם טאָג.

# די ביינער אין טאָל ליגן פאַרגעסן

א

אָ, איר דרייענדיקע מעת-לעתן
אַרום מיין טונקעלן געמיט,
שוין אָטעמט דער פליגל פון פאַרגעסן
אונטער אייער דונערדיקן טריט.

אייערע רגעס פאַלן אין די אויגן
ווי אַ שוואַרצער רעגן אריין;
בית-עולמדיק ווערט אַלץ פאַרצויגן
מיט אַ קיל פאַרגליווערטער שיין.

ב

בלינד שפּיגלט אָן איינזאַמע לבנה
פאַרשטיינערטע קברים אויף ערד;
סע וואַכט נאָר די שרעק, די סכנה,
געשרייען — פון קיינעם ניט דערהערט.

פאַרברענט ווערט אין אַ יעדן חלום
ביז גלוטיקער אַש דער גוף —
אין הימל קריצט אַ גוסס איין: שלום!
און וואַרט אויף אַ נס, אויף אַ רוף.

ג

צי איך אום מיט פֿאַראבּלטע חצותן
אין מידבר פֿון אייגן געוויין;
אַ יעדע טרער וואָס איך האָב פֿאַרגאָסן,
פֿאַלט נאָר צוריק אין זיך אַליין.

פֿאַר לבנהניק־ווייס באַדעקטע טישן
ווו עס זעטיקט ווייַן און ברויט,
זע איך אַ מלאך מיט אַ וואָלף מישן
זייער בלוט אוים מיט דעם טויט.

ד

וויל מיך מיין שאָטן ניט באַגלייטן,
מיין האַרץ ווערט אַ שלאַנגען־נעסט;
עס בלוטיקן פֿון מויל אַלע צייטן,
ווען גאָט, מענטש און קינד — פֿאַרגעסט.

די וואַסערן שווענקען אָפּ היעראָגליפֿן,
צערונען ווערט דאָס שטערנליכט;
ווי אין ימס פֿאַרזונקענע טיפֿן
לעשט זיך אוים אין אַלץ מיין געזיכט.

אָ, איר דונערנדיקע מעת־לעתן
אַרום מיין פֿאַרלאָשענעם געמיט!
די ביינער אין טאָל ליגן פֿאַרגעסן
פֿאַרשווייגן איז יחזקאלס טריט.

# געזאַנג פון פאַרגיין

## צו די פאַרלאָשענע דורות

איר קיל פאַרלאָשענע דורות —
אייער צער און האָפענונג
איז צערונען
אין וועלדער פון מיין נאַכט;
גראָב איך אוים
אוים בראשיתדיקן שווייגן
אייער פאַרשטיינערטע ביינער;
אפשר וועלן אויפאָטעמען
אויף נאַקעטע שאַרבנס
די פאַרמענדיקע פינגער
פון אַ ניט־אַנזעעוודיקן גאָט.

נאָך ברענט
אויסגעמישט מיט טויטנשוויים
דער אָטעם פון אייערע שלאַכטן,
געשלאָגענע און ניט־געשלאָגענע;
נאָך שטראַלט
די בענקשאַפט אייערע, די זוניקע,
אַריינגעגליט
אין קאַלטן שטיין און גראַניט.

נאָר דאָרט,
אין אייערע שטומע אויגנלעכער,
ווו געצייטיקט האָט אַ מאָל
אין פֿאַרמען אין טויזנטער
דער אייגענער באַשאַף,
נעסטיקן איצט שלאַנגען!
און אייער טונקל שוויַיגן
קרייזט
ווי די נאַכט אַרום דער ערד.

בשעת
אונדזערע שטערנס בלוטיקן
מיט אייערע אַלטע לעגענדעס,
אַשיקט איר מיט אונדז אויף ס'ניי
צום נייעם פֿאַרגיין;
און דאָס
וואָס ער האָט אונדז געגעבן:
— דאָס פֿאַרגיין,
דאָס ווערן —
איז נאָר ער אַליין אין אונדז געוואָרן!

איך רוף צו אייך,
אייניקלעך ניט-געבוירענע:

געקרייציקט
ליגט איר נאָך ניט
אויפן ראָד פון מעת-לעתן —
אין געבוירן זענען מיר ניט אַליין!
אַליין צערינען מיר אין פאַרגעסן —

איר קיל פאַרלאָשענע דורות —
אייער צער און האָפענונג
איז צערונען
אין וועלדער פון מיין נאַכט;
גראָב איך אוים
אוים בראשיתדיקן שווייגן
אייער פאַרשטיינערטע ביינער;
אפשר וועלן אויפאָטעמען
אויף אייערע נאַקעטע שאַרבנס
די פאַרמענדיקע פינגער
פון אַ ניט-אָנזעעוודיקן גאָט.

# בראשית

מיר זיינען די אויגן פון האַלבנאַכט,
די ערדישע בעכערם אָנגעפילט מיט שוויים פון אונדזער לייב —
מיר צעגליען דעם סוף אין שאָטן פון אַ ווייב;
תמיד זיינען מיר פון בראשית די אין-סופיקע שלאַכט.

אדם, דיין אָטעם איז דאָס קאַלטע ליכט פון טויט;
פּאַר מלאכים דאָס חיות איז דיין אייביקער צער,
אין לעצטן מישפּט ווערסטו אַ קינד, אַ גרייז, אַ נאַר —
ווי איז דיר, ווען דיין שטערן ברענט היים און רויט.

אין אונדזערע אָדערן ליגט בלוטיק דער ערשטער קאַיאַר;
אייזיק שליסן איין זיבן נעכט דעם לעצטן בליק —
רייסט עמעץ קריעה? אָ, איך קום תמיד ווידער צוריק
צו שטאַרבן כסדר מיט דעם אייביק יינגסטן דור.

# דער קרייז

לאָז מיך ניט אַזוי פיל מאָל שטאַרבן
ווי דער האַרבסט אין טויזנט פאַרבן
האָסטו מיר געגעבן
אַזוי פיל טרויער
אין איין לעבן
לאָז מיך ניט אַזוי פיל מאָל שטאַרבן
ווי דער האַרבסט אין טויזנט פאַרבן.

# האַרבסטיקע שעה'ן

## א

וואַנדערער
אין טונקעלן ווינט,
פון פאַרנאַכטיקן דעמער
פאַלן קיל די לעצטע בלעטער;
מיט שוואַרצע פליגל
צייכענען ווילדע פייגל
אויפן גרויען הימל
שטומע היעראָגליפן.
באַלד בייגט זיך גאָטס שטערן
איבער די שווייגנדיקע וואַסערן — נאַכט.

אויף אַלע וועגן
פלאַטערט די צעפוילטקייט
געל צעפליגלט;
נאַקעטע ביימער זיפצן אין ווינט.

ב

דעם איינזאַמען
באַפאַלט אַ יאָמער —
אין האַרבסטיקע וואַסערן
זוכט ער אומזיסט
די פאַרשטיינערטע אויגן
פון אַ טויטן פריינד;
אין רויכיקן שענק
אָנגעפילט מיט רוישיקע אַקאָרדן
בייגט זיך זיין מרה־שחורה
איבערן קילן וויין
און זיינע רויטע ליפּן
גליען אויף
ווי אַן אָפענע ווונד.

ג

אויף אַ נאַקעטן באַרג
באַגראָבסטו די זון;
ביי נאַכט
ציט אַ פּישער אַרוים פון דיין חלום
אַ דערטרונקענע לבנה.

אין טונקעלע פענצטער
ווינט נאָך די שטילקייט
פון דיין פאַרנאַכטיק געבעט;
נאָר דו ווערגסט אין שלאָף
אַ שוואַרצן מלאך
אָדער וואַנדערסט
צווישן פאַלנדיקע בלעטער
און רויכערנדיקע שלאַנגען;
דער האַרבסט
האָט זיינע געלע שפינען
איינגענעסטיקט אין אונדזער שלאָף.

ד

די בלוי פאַרוועלקטע בלום
טראָגן שטילע פייגל אַוועק
אין חלום פון אַ קינד;
און אַ ריינע טרער
צינדט ווידער אָן די פאַרלאָשענע צייטן.

וואַנדערער,
אויפן קאַלטן לבנהיקן שטיין
קושט דיך
דער פייכטער בלעטערדיקער צעפּאַל —
— די גרויע מוטער פון אונדזער איינזאַמקייט.

# איינזאַמקייט און דערמאָנונג

א

איבער די ווייסע וואַסערן
וויגןווילדע פייגל
אויף זייערע קילע פליגל
דאָס טונקעלע שווייגן פון הימל;
ביי נאַכט
ווייעט פון זייערע אויגן
אַן אייזיקער ווינט.

אין אַזאַ שעה,
שוועסטער,
ווערט דיין שטילער שמייכל
אַ דעמערדיקער גאָרטן
פול מיט סודותדיקע פאַרליבטע
און דיינע קיילעכדיקע אויגן
גייען אויף פאַר זיי
ווי צוויי מילדע לבנהס.

נאָר טיף פון שלאָף
זיפצט באַנג דיין נשמה;
און אויפן שוועל פון דיין חלום
אָטעמט
דער אייביקער צער
פון דיינע ניט־געבוירענע קינדער.

ב

שוועסטער,
ווען מיר האָבן דאָרשט,
טרינקען מיר
דאָס קאַלטע פייער פון שטערן,
אָדער
פון קילן ברונעם
פון אונדזער קינדהייט:

אונדזער מאַמעס אויגן
זענען געווען צוויי ימען
וואָס דער יום-כיפור האָט אויסגעשעפּט;
דערנאָך
האָט גאָט זיך אין זיי געשפּיגלט
ווי אין אייגענעם חסד
און געשמייכלט קלוג און קיל.

אָ, ווי לאַנג איז שוין דאָס פאַרביי!

ג

פאַר נאַכט
עפענען זיך אַלע קברים
און מיר זאַמלען איין
די שאָטנס פון אַלע געליבטע
— דאָס ברויט און ווײַן
געגרייט
פון דער איינזאַמקייט —
און איבער די ווייסע וואַסערן
וויגן ווילדע פייגל
אויף זייערע קילע פליגל
דאָס טונקעלע שווייגן פון הימל.

# טיפענישן פון עבר

## א

שטיל.
אין צימערן טונקעלע
גליווערט
דעם טויטן טאַטנס פּנים;
פון דער מאַמעס גרויע האָר
איז די נאַכט געוואָרן
מיד און אַלט;
די כלה
פון אַ פאַרשאָלטן דור
בייגט זיך איבערן יינגסטן זון.

ב

אין זיין קינדהייט בליט:
קראַנקהייט, פּינצטערניש, שרעק,
טונקל-באַהאַלטענע שפּילן,
חדר;
די מידברשע וועגן פון תנך
הייבן זיך אָן
אין זיינע ברענענדיקע אויגן;
פייערדיקע מלאכים
באַגעגנט ער
אין רוישיקער שטילקייט פון וואַלד.

פון זיין זכרון
טרעט אַרויס די מוטער רחל
אין דער שטילער געשטאַלט
פון זיין שוועסטער;
איר שטילער שמייכל
צערינט
אין קאַלטן בלויען שפּיגל;
און אירע דינע ליפּן
ברענען אויף
ווי דער שניט פון אַ מעסער;
ביי נאַכט
לאָזט אים ניט שטאַרבן
איר פאַרשוויגענער טרויער.

ג

בלויע רגעס
צינדן טײַלמאָל אָן
זײַנע חלומות;
שטיל און גרויס,
טרעפט ער דאָרט די אַלטע אבות;
לאַנג װײנט ער פֿאַר זײ.

ד

זיין יוגנט גייט אויף
אין אַלטן בית־עולם;
מיט לאַנג פאַרגעסענע מתים
רעדט ער דאָרט קיל —
שטיל קושט ער
דעם געלן צעפּאַל פון זייערע הענט.

פאַר דעם שאָטנדיקן בית־המדריש
שפּיגלט ער גרין
זיין פּנים
אין אַן אַלט פּאַס וואַסער;
ביי זיין אָפּבילד
בעט ער, וויינענדיק,
אַ שטיק ברויט —

דער שאָטן פון אַ שלעכט וואָרט
שפּרינגט אויף
און דערשרעקט אים —

ביי נאַכט
אויף פרעמדע לבנהיקע שטיגן
באַפאַלן אים זיינע טרערן
ווי ווילדע וועלף.

# אומעט

קיל האָט אַ פויגל אין מיין חלום די ווייטן פאַרמאַכט
און טרינקט פון מיינע אויגן ווי אין קוואַלן פון נאַכט.

אַ פרומער זאָגט דריי מאָל: אמן! צו אַ שטערן וואָס פאַלט
בשעת צוויי חיות מישן אויס זייער בלוט אין וואַלד.

אַן אַלטער בעט רחמים ביי דער איינזאַמקייט און וויינט;
באַלד האָט אים די ערד מיט איר קאַלט שווייגן פאַרשטיינט.

מיין שוועסטער קומט פאַרשוויגן מיט אַשיקע טריט צו גיין;
פון אירע ליפּן פאַלן רגעס אין מיר ווי פאַרסמטע טראָפּנס וויין.

# שקיעה

טונקל באַגעגנט מיך די לעצטע רגע פֿון שקיעה
ווי אַ דערשראָקענע חיה ווילד —
פֿון אירע אַשיקע טריט די זוניקע טראָפּנס
צערינען ווי מיין שאָטנבילד.

שוין אָטעמט די נאַכט אויף שוואַרצע וואָלקנס,
די ווייט לעשט זיך אין לעצטן ליכט;
אונטער דער ערד וועקן זיך פֿאַרגעסענע דורות
צום נאַכטלעכן שטומען געריכט.

די מרה־שחורה עפֿנט איצט אַלע סמ׳יקע וווּנדן
און ברענט אַזוי שווער און בלינד;
זי קריצט איין אין די פֿאַרלעשנדיקע אויגן
די סימנים פֿון שטראָף און זינד.

שוועסטער, די בלויקייט פֿון טייך האָט דיך געפֿאַנגען,
אין אַזאַ רגע פֿון טיפֿער נויט
איז דיין לעצטער שמייכל געוואָרן אַ שקיעה־פֿויגל
וואָס שוועבט צווישן לעבן און טויט.

דורכן טאַטנס. ווידוי ציען שוואַרצע מלאכים
פֿאַרשווייגן אַזוי און קיל —
נאָר אויף זיין ווייסער באָרד און געלע פֿינגער
וועקט זיך דאָס שקיעה־שפּיל.

די רגע צווישן אייביקן סוף און באַגינען
איז ניט חלום, ניט וואָר;
זי איז דאָס ליכט וווּ גאָט האָט געפֿונען
פֿאַר זיך אַן אייביקן קאַיאָר.

אַן איינזאַמע נשמה זיפֿצט אויף שקיעה־וועגן —
מאַמע, ווייס לייכט דיין געשטאַלט —
יחזקאל גייט איצט שווייגנדיק מיר אַנטקעגן,
נאָר מיין טריט אין אַש צעפֿאַלט.

# טרויעריק לעבן

שפּיל איך מיט וואָלקן און ווינט,
ווײנט די נאַכט פֿאַר מײַן טיר —
אַ יעדער טאָג וואָס צערינט
לעבט ווײַטער אין מיר.

שפּיל איך מיט קינדער און שטערן
ווײנען מאַמעס פֿאַר מײַן טיר —
יענע, וואָס קענען זײ ניט הערן
לעבן ווײַטער אין מיר.

וויפל האָס פֿון פרעמדע געטער
פֿראַסטיקט פֿאַר מײַן טיר —
דער טרויער פֿון פֿאַלנדיקע בלעטער
האַרבסטיקט ווײַטער אין מיר.

ווײל איך אַ רגע קין פֿאַרגעסן,
קלאַפּט הבל אין מײַן טיר —
אַזוי דורך פֿאַרקווילטע מעת־לעתן
לעבט ער ווײַטער אין מיר.

דורך פעלדער פון אַלע פּאַרנאַכטן
ציען נעפּלען פאַר מיין טיר —
אַלע ניט־געשלאָגענע שלאַכטן
לעבן לאַנג שוין אין מיר.

קלאָגט איוב פאַר מיטנאַכט־טויערן,
קומען זיינע זין פאַר מיין טיר —
און די, וואָס האָט זיי געבוירן,
זיצט אייביק שבעה אין מיר.

ווו איך גיי, ווערט האַרבסט און רעגן,
שקיעה־פייגל פאַר מיין טיר —
ווען דער טויט גייט אַנטקעגן,
גייט אויך אַנטקעגן מיר.

# געזאַנג פון פאַרגיין

לבנה — פאַרשלים מיך אין דיין קאַלטן שווייגן,
אַ שטויב פון דיין גלאַנץ וויל איך ווערן;
יעדעס יאָר אונטער פּראָסטיקע שטערן
מוז זיך טיפער מיין גוף צו דער ערד נייגן.

די רגעס פאַלן שוין ווי פאַרלאָשענע פונקען.
טונקל ווערן דעם טאָגס ווייסע געשטאַלטן;
אינעם האַרץ ליגן ווי אין קבר באַהאַלטן
אַלע זונען וואָס מיין אויג האָט געטרונקען.

זע, עס בלוטיקט דער האַרבסט פאַר אַלע טירן —
קילער סך-הכל פון שטומע צייטן!
דעם פויגלפלי ווער וועט באַגלייטן?
פון שנייאיקער שטילקייט מיינע שלעפן פרירן.

קוים בין איך צום אייגענעם שאָטן דערגאַנגגען,
אַשיקט שוין מיין טריט מיט פאַרגעסן;
און אויפן פייער־ראָד פון מעת־לעתן
מוז אַן אַנדערער בן־אדם גאָט פאַרלאַנגען —

קלאָגסטו, גייסט מיינער, אויף שקיעהדיקע פליגל?
איז עס פון ניט־געבוירענע ס׳קלאָגן?
ווי, איידער סע הייבט נאָך אָן טאָגן,
ווערט די נאַכט שוין פון לעצטן זין דער שפיגל.

לבנה — פאַרשלים מיך אין דיין קאַלטן שווייגן,
אַ שטויב פון דיין גלאַנץ וויל איך ווערן;
יעדעס יאָר אונטער פראָסטיקע שטערן
מוז זיך טיפער מיין גוף צו דער ערד נייגן.

# שפּיטאָל־באַלאַדע

## א

ווייסע פאַרשאָלטענע בעטן —
דעם דאָקטערס קילע האַנט
ביינערט אוים אויף סקעלעטן
דעם זמר פון טויטן־לאַנד.
ווי וואָלקנס איבער ימען
וויגן זיך זיפצן אין רוים,
ווען פון אַ גוסס צעפלאַמען
טראָפּנס ווייסער שוים.

ציקצאַק — ווי פלעדערמייז,
פאַלט נאָך אַ בליק אין שיין,
און הינטערן טויטס שליוזן
צערינט ער ווי בלוט און וויין.
אַלץ וואַלדיקט קיל און פאַרגעסן;
ס׳ליכטיקט מער ניט קיין ווייט;
און אויפן ראָד פון מעת־לעתן
גאָרניט גייט אויף און פאַרגייט.

ב

אין ווײם געשפּענסטישע זאַלן
שאָטענען טונקעלע הענט
און האַלטן אין איין מאָלן
היעראָגליפן קיל אויף ווענט —
אין פינצטערע פּאַסאַדן
קריצט די נאַכט מײַן בילד אַרײַן;
אין מײַנע חלומות באָדן
קראַנקע זיך אין לבנה־שײַן.

פיבער־רגעם געפינען
צו מײַנע אויגן אַ וועג,
וויקלען זיך דאָרט ווי שפּינען
אַרום מיט שעה׳ן און טעג.
חשכות־פאַרזעענישן טרעטן
ווילד פון דער מורא אַרויס,
צו קאָפּנס די ווײַסע בעטן
גראָבן זיי קברים אויס.

ג

אין אַלע שקיעה־טייכן
ציטערט אַ טונקעלער סוד,
ווען פון די קאַלטע הייכן
רינט דאָס שווייגן פון גאָט.
אָוונט און מאַרמאָר־בילדער
— אַפּאָלינישער פּאַרזיי —
מאַכן מײַן בענקשאַפט ווילדער
אין קראַנקער שפּיטאָל־אַליי:

שטערן ווי זילבערפּלייטן.
קילע וואָלקנס און ווינט.
לאַכנדיקע מיידלעך באַגלייטן
זייערע חלומות אַצינד.
אָדער די בערג וואָס שטומען,
טיף פאַראײַנזאַמט און גרויס,
כאַפּן זיך אויף און שווימען
אין בלויען אָוונט אַרויס.

פּערל־טראָפּנס אויף ביימער;
טרערן פון צווייאיק ליכט —
דער אָוונט איז אַ שומר
פאַר דעם לעצטן געריכט.
ביי ווייסע בעטן קניען
די קראַנקע שווער און קיל;
קען זײַן — אין מאָרגן־פריען
בלייבן די זייגערס שטיל.

ד

דעם דאָקטערס שאָטן גרעסערט
אויף ווענט דעם ווייסן צער —
אין זיינע אויגן מעסערט
קיל אַ פאַרשטיינערטער האַר...
פון זיין גיפט־שלאָף געפאַנגען,
ווי אין קבר פאַרשמאַכט,
איז אַלץ פינצטער צעגאַנגען
ווי דער רויך פון מיטנאַכט.

די ווידוי־מינוטן צעטראָגן
דאָס אַש פון פרייד און באַנג —
און אַלע מיינע פאַרטאָגן
שטעלן אָפּ זייער דונערדיקן גאַנג.
די רגע וואָס האָט מיך געבוירן
כאַפּט מיך לסוף גאָר צום רויב,
און פאַר די בראשית־טויערן
זאַמלט זי מיך איין צום שטויב...

ווייסע פאַרשאָלטענע בעטן —
דעם דאָקטערס קילע האַנט
ביינערט אוים אויף סקעלעטן
דעם זמר פון טויטן־לאַנד.
די שקיעה־רגעס ציען
ווי קראַנקע שווער און קיל;
קען זיין — אין מאָרגן־פריען
בלייבן די זייגערס שטיל.

# שרעק פאַרן טויט

אין גאָרטן פון אַ געשפּענסטיקן חלום
פירט מיך אַ פראָסטיקע האַנט אַריין;
צווישן ביימער שווייגן לבנהיק
סטאַטועס — האַלב מענטש, האַלב שטיין.

זייערע אָנגעצונדענע נשמות אין ווינט
פלאַטערן לייכט ווי אַ פאַלנדיק בלאַט —
אין שוואַרצע רויזן וואָס גייען אויף
ברענען גרינע אויגן שווער און מאַט.

איין סטאַטוע ווייזט אָן אויף אַ טונקעלער טיף,
ווו פון טויט דער פרילינג בליט;
עמעץ דרייט זיך דאָרט קיל און שטום
אין סימנים אַשיקע פון מיינע טריט.

קאַלט צעוואָרפן ליגט מיין געביין דאָרט
אין דער אייביק פאַרגעסענער טיף;
אויף דער פינצטערניש שווימט מיין שאַרבן
וויים און קאַלט ווי אַ לבנהיק שיף.

אַ צווייטע האַלט מיין געשפּאַלטן האַרץ,
ווו שלאַנגען נעסטיקן זיך איין —
אין גאָרטן פון אַ געשפּענסטיקן חלום
פירט מיך אַ פראָסטיקע האַנט אַריין.

# ביים אָפענעם קבר פון אַ דיכטער

האָבן זיך אין שוואַרצע קיטלען איינגעהילט שוין אַלע אויגן?
שוין ציען די מינוטן אין טיפע יללות פאַרביי;
אַ צויבערפלי האָט זיין קרייז אַריינגעבויגן
אין דער טונקל-פאַרגליווערטער טויטן-אַליי.

אָפגעשלאָסן איז דיין זון אונטער נאַכטלעכן ריגל;
ווער באַטרעט איצט דיין בלוי-פאַרלאָזענעם טראָן?
פראָסטיק שווייגן הילט איין דיינע אָדלער-פליגל,
שווער צערינט זייער לעצטער קרישטאָליקער טאָן.

אין אַלע דיינע זוניק און שקיעהדיקע געזאַנגען,
אין ווייסע נעפלען בלאָנדזשענדיק דורך דער שטאָט,
איז תמיד דער טויט מיט דיר קאַלט מיטגעגאַנגען,
ביז זיין אָטעם האָט אויסגעלאָשן דיין הייסן טראָט.

טראָגט נאָך די זון אויף אונדזער אבלדיקן שטערן?
כישופט נאָך אין אונדזער אויג איר צעהעלטע ווייט?
אין חלומען איז דער צייט-שלאַג, וואָס מיר פאַרהערן,
אַ קאַלטער קוש פון דער טונקלער אין-סופיקייט.

האָבן זיך אין שוואַרצע קיטלען איינגעהילט שוין אַלע אויגן?
אין אָפענעם קבר אָטעמט די פינצטערניש אַליין —
אַ צויבערפלי קוים איז ער זינגענדיק אַנגעפלויגן,
פאַרלעשט אים אַ פרעמדער קדיש אין אייביקן אמן.

פון אוראַלטן קוואַל טרינקט קיל דער טויט.

## „נײ־יאָר“

חלום און שפּיל — שעה׳ן פלאַמיקע,
ווי אָדלער אויפגעוויגטע פון אונדזער בליק —
טייל מאָל קומט איר אויך אין טרערן סמ׳יקע
וואָס פירן אין גאָטס שווייגן ווידער צוריק.

מאַן און ווייב — נאַכטלעכע פאַרלאַנגן,
— שטאַרבן כסדר אין אייביקן געבוירן זיין;
ווען אונדזער אויגנליכט איז קיל צעגאַנגען,
ברענט פון אונדזער בלוט נאָך אַ לעצטע שיין.

טאָג און יאָר — שפּיגלען אוראַלטע,
מיר וואַקסן מיט אייך פון קינד, מאַן, ביזן גרייז,
און איר דרייט זיך ווי די שטערן נאַקעט און קאַלטע
און שליסט אונדז לסוף איין אין אייער בלינדן קרייז.

# באַלאַדע

דער אַלטער רעדט טרויעריק מיטן ווינט.
פֿאַרנאַכט־גלאָקן ציטערן שווער און לאַנג.
אַ בלויער נעפּל פֿון זיינע פֿינגער רינט.
די זון בלוטיקט שווער אין אונטערגאַנג.

אַרבעטער פֿאַלן שוואַרץ אין גאַסן אַריין,
גרוי בליט זייער הונגעריק שווייגן.
ברוין גלאַנצט אויף דעם אַספֿאַלט־שיין
דער קאַלטער שאָטן פֿון אָפּגעדאַרטע צווייגן.

דער אַלטער רעדט פֿאַרשוויגן מיטן ווינט :
„גוט איז, אַז מען מוז שטאַרבן.“
אין פֿויגלפֿלי זיין קילער בליק צערינט.
„אָ, גוט איז, אַז מען מוז שטאַרבן !

גוט איז ! די ערד קען אַזוי טיף שווייגן
ווי דער גאָלדענער רינג אויף דער האַנט.“ —
שאָטנדיק אין אָפּגעדאַרטע צווייגן
טונקלט אויף פֿאַר אים דאָס טויטנלאַנד.

# האַרבסט

האַרבסט און ווינט,
אומעטיקע טונקעלע קלאַנגען;
דער נעפּל רינט
ווי פאַרלאָשענע אָרגל־געזאַנגען.

ברענט איר אוים,
יאָר־צייטן אין קילן שווייגן;
אור־אַלט גרוים
בלוטיקט איר פון די צווייגן.

ווי שטיל וויגט
דער האַרבסט זיינע געלע געשטאַלטן;
וויפל צער ליגט
אין דעם פאַלנדיקן בלאַט באַהאַלטן.

דורך דיין בליק
טונקלען די שוואַלבן שוין און ציען;
באַלד קומט צוריק
די מעלאַנכאָליע פון שנייאיקע פריען.

האַרבסט און ווינט,
סמ׳יקע טרערן אין קילן וויין;
פון אַלץ רינט
דאָס אייביקע שווערע פאַרגיין.

זע, שוין פֿאַלן די רגעס ווי שטערנדיקער שטויב
און פֿאַרלעשן אין אונדזער אויגנליכט די צייט;
און פֿאַלנדיק אָטעמען זיי אויס אַ לעצטן לויב
פֿאַר דער אייביקייט וואָס האָט זייער לעבן באַגלייט.

דערקען, אין אונטערגאַנג נעמט ער דיך נאָך גרויס
אַ לעצט מאָל אין זיין שווייגן ווידער אויף;
ווי די לעבעדיקע רגע האָט אים אָפּגעשפּיגלט בלויז,
פֿירט זי דיך אין פֿאַלן מיט זיין אין־סוף צונויף.

אַזוי ביסטו פֿאַר אַלע דורות נאָר זיין טיפֿער זין,
זיין ברענענדיקער צייכן פֿאַר לעבן און טויט;
און ווען ער שפּיגלט זיך אין זיין בראשית־באַגין,
ביסטו זיין פֿרייד און זיין פֿאַרשוויגענע נויט.

# די שוואַרצע וואַסערן

אין שוואַרצע וואַסערן
שפּיגלסטו קיל דיין פּנים
צייכנסט טונקעלע סימנים
אין שוואַרצע וואַסערן.

ווען דיין מרה-שחורה
גייט אויף שוועך צו די שטערן
פֿאַלן מלאכימס שוואַרצע טרערן
אין דיין מרה-שחורה.

דיינע אויגן קילן
טייכן פֿון לבנות;
ווען די נאַכטלעכע סכנות
דיינע אויגן קילן.

נאָך אַשיקט דיין תּפילה
ביי פֿאַרלאָשענע קוואַלן
וו אַלץ אָטעמט מיט צעפֿאַלן
אַשיקט נאָך דיין תּפילה.

גאָטס פאַרשטיינערט שווייגן
פאַרברענט דיין חלומס פליגל;
איבער קברים — טויטע שפּיגל
גאָטס פאַרשטיינערט שווייגן.

אַזוי ציסטו דורך רגעס
אין צערין פון מעת-לעתן
פון אייגענעם שאָטן פאַרגעסן
ציסטו אַזוי דורך רגעס.

ביז שוואַרצע וואַסערן
פאַרלעשן קיל דיין פּנים
און ס׳ווינטיקן אַף סימנים
אויף שוואַרצע וואַסערן.

## דו וואָס פרעגסט ביים בלינדן גורל

פרעג ניט ביים בלינדן גורל —
געחתמעט איז צייט און אָרט,
אין די רווישנדיקע רגעם
עמעץ גיט סימנים דאָרט.

אפשר איז עס דער ווייטער הימל
וואָס ברענגט נעענטער די ערד —
דאָס שטומע געבעט פון אַ חיה
וואָס די מיטנאַכט דערהערט.

דער ניט-געבוירענער שמייכל
וואָס זוכט אַ וועג צום קינד —
דער שטילער זיפץ פון טויטע
צעבליט אין מיטנאַכט-ווינט.

די פאַרבאָרגענע טיף אין אויג
וואָס איז גאָטס לעצטער סוד —
אַ טונקעלער סימן פון בראשית
וואָס יעדע מיטנאַכט האָט.

די רעגנבויגנס פון נשמות
אויפן קין־שטערן פון צייט,
פאַרלאָשענע אין יענע טיפן
ווו דער מיטנאַכט־רויך גייט.

די ווארטנדיקע רגע פאַר טירן
וואָס שפּיגלט נאָר זיך אַליין —
און טראָגט אין קילע בעכער
דעם ביטערן מיטנאַכט־וויין.

די וואָס ווערן איצט געבוירן,
די וואָס שטאַרבן אַצינד —
אין אַלץ ביסטו אַ רמז פאַר אַלעם
וואָס בליט אין מיטנאַכט און צערינט.

פרעג ניט ביים בלינדן גורל —
געחתמעט איז צייט און אָרט;
אין די פאַלנדיקע רגעס
עמעץ גיט סימנים דאָרט.

# צום אין־סוף

### א

תמיד ווען איך גלייב די טויטע אין ווינט צו הערן,
איז עס מיין גורל וואָס רייסט קריעה פון הימל און שטערן.

באַצוווּנגען וויל ער זאָלסטו דאָס גיהנום פון דיין שטראָף
און אָפּוויקלען פון מיר דאָס אייביקע שטאַרבן אין אין־סוף.

נאָר דו פּערלסט די סמיקע טויען אין דורותדיקער שרעק,
וואָס האָט אויפן ראָד פון מעת־לעתן קיין אָנהייב, קיין עק.

און ווי אַ דולער ביי די טויערן פון דיין אייביק געריכט,
קריך איך אַרום בלינד געוואָרן פון דעם אייגענעם ליכט,

און שפּיר: דיינע רגעס פויקן מיט קאַלטע פינגער פון אייז
אין די אָנגעצונדענע שאַרבנס פון קינד ביז צו דעם גרייז.

נאָר דו שווייגסט. און איך ווייס אפילו ניט צי איך בין
דער פאַרגליווערטער טראָפּן וווּ ס׳ליגט דיין בראשית־זין.

אַז געפאַנגען בין איך אייביק אין גיהנום פון דיין גלוסט
וואָס אָטעמט שוין אין דער מילך פון דער מאַמעס ברוסט.

ב

וועל איך קומען צו דיר אויף דעם אָטעם פון דער נאַכט
און דיך פעסטיקן מיט די שלאַנגען פון מיין געדאַנקט.

אַז די זעלבע קללה זאָל אייביק דיבוקן אין אונדזער בלוט,
ביז דער גומען וועט ניט שפירן וואָס שלעכט איז, וואָס גוט.

חתמענען זאָל אונדז די פיין פון דעם אייביקן ווערן,
ביז אונדזער אויג וועט מער ניט אָנצינדן קיין טרערן.

אויף די תליות פון שווייגן זאָלן אונדז די טויטע הענגען,
ביז קיין פויגל וועט מער ניט צו אונדז דעם הימל ברענגען.

אַזוי אין צער פון אין־סופיקן געבוירן ווערן און פאַרגיין,
צוגענאָפּלט צו יעטוועדן לעבן און דאָך וואָגלען אַליין,

ביז די ערד וועט מער ניט אָננעמען אונדזער אַשיקן טראָט;
ווי לאַנג דער אדם וועט געפאַנגען ליגן ביי דיר — אָ, גאָט,

דאַן וועל איך דיך צו מיינע אבלדיקע אויגן פאַרקייטן;
ברענען זאָלן מיר צוזאַמען אויפן מזבח פון אַלע צייטן!

# דער מענטש

איך בין די איינזאַמקייט פון שטעט,
די ליבע, דער וויין און ברויט;
דאָס ניט־דערזאָגטע געבעט
פון לעבן און פון טויט;
דער געפרוירענער גלאַנץ פון שטערן
נאַקעט אין זייער וואַנדערן;
מיין געלעכטער קען מען הערן
אין געוויין פון אַן אַנדערן.

איך בין די פאַרלוירענע שלאַכטן און זיגן,
די נאַכט אַרום דער ערד,
די בראשית־לעגענדעס, דער ניגון,
דער טראָפּן בלוט אויף דער שווערד;
איך בין דער באַגין אין מיטן
פון אַלץ וואָס פאַרגייט —
פיל־אָן די וועלט מיט מינוטן,
אין אומענדלעכן — איך בין די צייט.

איך בין דער טורעם און דער בויגן,
דער קרייז, דאָס ליכט,
די בריק צווישן אונדזערע אויגן,
דער פאַרמשפּטער און דאָס געריכט;
דער אָדלער מיט די פייער־פליגל,
און אויסגעלאָשענער פאַקל;
פון מיין אורפאָטער דער שפּיגל
אויף דער דורותדיקער שוועל.

איך בין די וועלדער אויף דער לבנה,
דער בליק פון מיר צו דיר,
און די טונקעלע סכנה
פאַר יעדער באַלויכטענער טיר;
איך בין די זון אויף מיין שטערן,
דער שאָטן פון מיין טראָט —
און אין אייביקן פאַרגיין און ווערן
דער אָטעם פון גאָט.

# מענטשלעכער טרויער

א

ביי נאַכט
פאַרגעסן מיר די רגע
פון אונדזער געבוירן
און אויף טונקעלע שטיגן
שטייגן מיר אַראָפּ אין דער צייט;
אונדזער לעצטע האָפענונג
קריצן מיר איין
אין שטערנס קרישטאָליקע
פון ניט־געבוירענע קינדער.

פון אונדזערע אויגן
ווייעט
דאָס קאַלטע פייער
פונעם הימלס שווייגן;
דער שוויים
פון אונדזער שרעק
מישט אונדז אויס מיטן טויט.

ב

ווען דו זאָגסט: גאָט!
מיינסטו דעם ווייסן שאָטן
פון דער מענטשלעכער איינזאַמקייט
אָדער
דעם ברענענדיקן טיגער
אין די וועלדער פון דער נאַכט?

אין חלום
רעדט גאָט צו דיר
דורכן אָדלערס טרויער
און נעמט דיך מיט
אין זיינע פאַרשוויגענע וויטן
— ווען דו זאָגסט: גאָט!

ג

אויף טונקעלע וועגן
דערקענסטו דיין ווייב;
צוזאַמען פאַרזינקט איר
אין נעפּל
פון וואַרעמען שלאָף;
אַ מלאך
שמייכלט דערביי
טרויעריק און קיל —
און דער מאָרגן
זעט
אין אייערע בליענדיקע אויגן
דאָס בילד
פון אַלע פאַרלאָשענע דורות.

ד

אין שווייסיקן שטויב
עסן מיר אונדזער ברויט;
אונדזער בלוט ווערט מיד
פון אייגענעם געזאַנג.

ווען פון אונדזערע ליפּן
אָטעמט די האַרבסטיקע לבנה,
ווערט אונדז באַנג פאַרן אויסדויער
פון אייביק מענטשלעכן סוף;
— ביינאַכט
ווען מיר פאַרגעסן
די רגע פון אונדזער געבוירן.

# אין־סופיקע רגעס

זונען פון אונדזער בלוט אַזוי היים צעגליטע,
אין־סופיקע רגעס איר אין דורותדיקן קרייז —
נאַקעט זענט איר ווי אַ האַלדז פאַר דער שחיטה,
אויף אייער אָטעם שרייט אדם: אדוני, איך באַווייז!

ווער רופט אים פלאַמיקער אין ערדישן געצאַפּל?
אפשר די חיהשע טרער פון ניטוויסנדיקן זיין?
עס רינט דער עול פון אונדזער שוואַרצאַפּל —
אויף דער חיהס שטערן ברענט די שטומקייט פון שטיין!

מיר טראָגן יענע גלוט פון אין־סופיקן ווערן,
דאָרט ווו דער צער איז די בריק פון מאַן צום קינד —
ווו ער קומט דורך אונדז זיך טויזנטפאַך ווידער־הערן
און מישט דורך איין טראָפּן אוים דעם אָנהייב מיטן אַצינד.

זונען פון אונדזער בלוט, צעפלאַקערטע מלאכים,
געבוירענע אין רגעס פון אייביק טיפסטער נויט —
איר זענט פון די דורות איבערגעלאָזענע שבחים,
ציענדיקע אין דער אין־סופיקער איינזאַמקייט — טויט.

## צוויי סטראָפעס

אַלץ איז נאָר פון צייטן דער טונקל-קילער שפּיגל;
פאַרנאָפּלט צו דער ערד, פאַרגליווערט, קאַלט און שטום,
צינדט דעם הימל ניט מער אָן דעם לייבם געברום,
לעשן זיך די ווייטן אוים אויף טויטע אָדלער-פליגל.

מיט אָטעם פון דורות שווימט זי מיר אַנטקעגן
אויף ימים פון טרויער — איר שטערן סופיקט רויט;
די אויגן אירע זענען אינדזלען פון לעצטן, לעצטן שווייגן;
פון איר אומעטיקן שמייכל כליפּעט קיל דער טויט.

# געזאַנג פון אַ וואַכנדיקן

# אין שטילע רגעס

די בלויע שוואַלבן פון האַלבנאַכט
פלאַטערן קיל
אינעם פּראַסטיק־לבנהדיקן שווייגן.
די שטילע רגעס
און די אויפגעבליטע טרערן פון דורות
שטראַלן קרישטאַליק.
אין טונקעלע צימערן
גליִען אויף די אָרעמס פון געליבטע —
אין פייער פון זייער נאַכטלעכער פרייד
וואַרטן, בענקענדיק, איינזאַמע מלאכים
אויף קומענדיקע דורות.

די בלויע שוואַלבן פון האַלבנאַכט
פלאַטערן קיל
אינעם פּראַסטיק־לבנהדיקן שווייגן.
און דער היימלאָזער
און דער פרומער
שעפּטשען פאַר זיך אַליין:
דו —
ווי גרויס ביסטו אין אונדזער פרייד!
מיר —
ווי קליין זענען מיר אין דיין טרויער!

## און דו זאָגסט: עס איז גוט!

ווען שטילער חצות נאַקעטיקט איבער דער וועלט
און אַ ניי־געבוירנס אָטעמט די ערשטע רגע אוים,
טרינקסטו מיט קילע ליפּן
פון די בלויע קוואַלן פון אונדזערע אויגן.

ווען פון צעוויגטע ימען דער טוי
פאַלט אין הייסער גלוסט פון באַשאַפנדיקן צער,
פאַרשווענקסטו מיט טונקעלע טייכן פון חלומות
צעבליטע רגעס פון אונדזער טאָגיקער בענקשאַפט.

ווען אין דיינע שטערנדיק־פאַרשוויגענע הענט
פאַלט פון אַ שטאַרבנדיקנס תפילה דער מאַן,
גייט אויף, איינזאַם און גרוים, אַ בראשית־שווייגן
אונטער די פאַרלאָשענע ווייכע טריט פון דער נאַכט.

ווען אַ מלאך זאַמלט קאַלט אונדזערע שעה'ן איין
און קריצט אונדזער נאָמען אין צערינענדיקן אייז —
צינדסטו מיט קאַיאָריקן פלאַטער די אייביקייט אָן
אויף די פייער־פליגל פונעם דונערדיקן אָדלער
און זאָגסט: עס איז גוט!

און זעסט:
אין דער הייסער מינוט
וויקלט אַ וואָרעם זיך אַריין;
דאָרט
ווו עס פאָרכטיקט סודותדיק
דער אָנהייב פון אַ יעדן ווערן;
און ווי אין מעת-לעתיקער וואָגשאָל
פון טאָג און נאַכט
ליגט די שטומקייט פון פאַרגעסענע דורות
און אָטעמט מיט געוויין צו די שטערן —

און דו זאָגסט: עס איז גוט!

# אָמן

קאַלט ביסטו
האַרבסטיקע לבנה
אויפגעגאַנגען אין שווייגן
דורך דער נאַכטס
טונקעלער מרה־שחורה;
און ס׳ציען
דורך קילע חלומות
פון שלאָפנדיקע
אַלע פאַרגעסענע מתים.

אַ וואַכנדיק קינד
גיט אַוועק
זיינע קילעכדיקע אויגן
פאַר צוויי שטערן;
פונעם קינדס ווייסן שמייכל
וויל גאָט באַשאַפן
אַ נייע וועלט.

נאָר אַן אַנדערס
אָטעמט אוים שטיל
די לעצטע רגעס;
אומזיסט שלאָגט
דער מוטערס טונקל געוויין
אין פאַרשטיינערטן שווייגן
פון גאָט.

קאַלט ביסטו,
האַרבסטיקע לבנה,
אויפגעגאַנגען
דורך דער נאַכטס
טונקעלער מרה־שחורה
און אין דיין קיל שווייגן
האַלט ער תמיד גרייט
דאָס גוטע און דאָס בייזע.

## די רגע פאַר מיטנאַכט

גרוים ביסטו,
טונקעלע לבנה,
דורך האַרבסטיקע וואָלקנס
געפורעמטע געשטאַלט;
בייז און קאַלט,
צעהעלט,
אין נאַכטלעכן שווייגן,
דיין ווייסע מרה-שחורה
די שטערנדיקע ווייט
— קילע אייביקייט.

שטיל.
טיף אין דער הייך
אַ שטערן צערינט;
— וויים און קאַלט
לבנהיק געוויין.
נעבן מיר האַלט
מיין שאָטן און דער ווינט
דעם אָטעם איין;
די רגע פאַר מיטנאַכט
פלאַטערט אויף בלוי,
פלאַטערט אויף גרין:

„אלץ וואָס ער מאַכט,
— שעפּטשעט זי —
האָט אַ זין;
יאָ,
די שעה
וואָס גייט איצט אויף,
איז שוין נעכטן פאַרגאַנגען;
דער שטערן וואָס צערינט,
דיין שאָטן און דער ווינט,
אפילו דיינע הענט
וואָס דופּטן איצט
פון אַ פרויענברוסט,
האָבן דאָס שוין געוווסט;
נאָר דו אַליין — "

און די רגע ווערט שטיל,
און די רגע ווערט שטום;
נאָר די מאַסקע
פון אַ נאַכטלעכן פויגל,
וויגט זיך איבער מיר קיל,
שאָטנט איבער מיר קרום.

# געזאַנג פון אַ וואַכנדיקן

אָ, דער הייסער שוידער!
עמעץ תענוגט נאַקעט מיט דער נאַכט —
אין נעפּל אין וואַרעמען פון אָנגעצונדענע גלוסטן
בלוטיקט אוים אַ רגע שווער און שטיל.
און אין דער פאַרשטיינערטער איינזאַמקייט פון גייער
טריפט קיל דער טוי פון זיינע צערונענע אויגן;
— אָ, דער זילבער-נעפּל פון זיינע בליענדיקע טרערן!
נאָך איין מאָל
בליט אויף דעם גייערס האַרץ אין אַ תפילה
און פאַרלעשט זיך.
שטיל
געפרוירן נאַכטיקט אַ טונקעלער אָטעם פון שטערן
אין דער שטיינערנער אבלדיקייט פון דער אַלטער שטאָט;
און פאַר אַלע לבנהיק פאַרשלאָסענע טירן
דעמערן פאַרלאָשענע טריט
פון טויטע מלאכים
צום חצות.
באַלד —
אינעם שוויים פון אַ קראַנקער מאַמעס שטערן
זעט אַ קינד דערשראָקן
די אויפגייענדיקע שוואַרצע רויזן
פון דעם אייביק דערבאַרמענדיקן שלאָף.

# נאָך אַ נאַכט

גיב מיר, גייסט, צום לעצטן מאָל דיין גנאָד!
פאַרפאַלן בין איך אין טייכן פון מיין בלוט;
געשלאָגן אַזוי ווילד פון אייגענער גלוט
ווי אַ נאַכט אין סדום, דער זינדיקער שטאָט.

פולם בין איך ווי אינסעקטן פון איין טאָג!
דאַרשטיק אין גלי פון מעוברתדיקן בליק
וואָס פירט די רגעם אין אורצייט צוריק
און טרינקט פון מוח אוים דעם לעצטן זין־פאַרמאָג.

נעם דעם ביטערן וויין פון נאַכטלעכן נס,
די נאַקעטע בושה פון אייגענעם באַשאַף —
פאַרשלים זיי אין שטומקייט פון אַ חיהם גאַף;
דיר לאָז געהערן מיין בראשית־מעת־לעת.

לאָז מיך ניט פאַרפאַלן אין סדומיקן בלוט!
גיב מיר, גייסט, צום לעצטן מאָל דיין גנאָד!
מאַך מיך צווישן דיר און דעם צאָרנדיקן גאָט
די גופיקע פייל אָדער דיין שטראַלנדיקע גלוט!

# אידיליע

האַלט אויף יענע טונקעלע רגע פון צאָרן און שטראָף:
איבערן איינזאַמען וועג האָט זיך אַ לעבן אויפגעמאַכט;
צוויי מענטשן מישן אוים זייער בלוט אין מיטנאַכט
און בלייבן פאַרשוויגן ביי די קילע טויערן פון שלאָף.

דער שטערן פון דער צוועלפטער שעה בייגט זיך צו זיי צו
— הייליק און שיין איז דאָס בילד פון מאַן און ווייב —
און קושט מיט לבנהדיקע ליפּן אוים זייער וואַרעם לייב
וואָס איז אָנגעפילט מיט נאַכטלעכן ווייַן און טיפער רו.

טיף אין דער הייך גייט סאַטורן נאַקעט זיין וועג.
און ביי די אוראַלט־פאַרבאָרגענע וועגן פון ווינט
פרעגט ערגעץ נאָכן אייגענעם גורל אַ ניי־געבוירן קינד —
אַ חיה האָט אין חלום איר נשמה פאַרלוירן אין געיעג.

# צו לאָהן

װילסטו נאָר זײַן דאָס נאַכטלעכע פֿאַרלאַנגען,
ניט דער אָטעם פֿון װערן אין צײַטיקן זײַן?
אַ גוף נאָר, װען דאָס טאָגליכט איז צעגאַנגען,
גײט פֿון אים אויף אַ בלוטיק־װאַרעמער שײַן?

װילסטו טרינקען די אײגענע טרער די סמיקע,
און װערן צו געשפּעט אין אַנדערנס בליק?
צי גאָר דער חלום און שפּיל, די שעה׳ן פֿלאַמיקע,
צעװיגטע װי אָדלערס װאָס טראָגן זיך אַהין און צוריק?

װילסטו אין יאָרן און טעג — די שפּיגלען אוראַלטע —
אָפּשפּיגלען נאָר אַ מאַסקע פֿון אַ קינד און אַ גרײַז
און אַ לעבן לאַנג, װי די שטערן נאַקעט און קאַלטע,
זיך דרײען בלינד אין אײגענעם בלינדן קרײַז?

װילסטו נאָר זײַן דאָס נאַכטלעכע פֿאַרלאַנגען?

# האָסט מיך פֿאַרלאָזן

דיין שווייגן הילט מיך אַרום ווי תכריכים;
האָסט מיך פֿאַרלאָזן ביי טויערן פֿון מיטנאַכט.
צייל איך אוים די רגעס ווי פֿינצטערע שליחים,
ביז מיין קבר וועט ווערן מיט מיר פֿאַרמאַכט.

וועמען טראָגט איצט דיין שמייכל אויף די פֿליגל?
ביסט אַלץ געווען פֿאַר מיר: די קדושה, דאָס קינד:
פֿון אַלץ ביסטו געווען פֿאַר מיר דער שפּיגל —
וועלכער אדם קניט פֿאַר דיין תאווה אַצינד?

מיין אויג איז איצט נאָר אַ פֿאַרלאָשענע תפֿילה;
מיין בענקשאַפֿט ליגט געקרייציקט אין בלוט —
ווי אין ביינערטאָל וועט נאָכן טויט אפֿילו
אויפֿשוידערן מיין נשמה פֿון דיין הייסער גלוט.

דיין נאַקעט לייב ליגט אין אַש פֿון מיין יוגנט;
מיט גיהנום־פֿינגער האָסטו געצונדן מיין גלוסט.
עמעץ זיצט שבעה נאָך מיין פֿאַרלוירענער טוגנט
און איך אָטעם נאָך די שיכרות פֿון דיין ברוסט.

בעת האָסט מיך אויף דער צעוויגטער פרייד געטראָגן
צו די וואַרעמע רגעם פון דער ערשטער מיטנאַכט —
האָט דאַמאָלט שוין געאָטעמט דאָס דורותדיקע קלאָגן
איבער דיין סמיק־פאַרשוויגענער, גופיקער מאַכט.

דו ביסט די שיינקייט פון אַ כישופדיקן חלום,
וואָס לעשט דעם טיפן צער אין אונדז אוים;
דו ביסט אויך ווי דער טויט, ווען ער גיט שלום,
און לאָזט אונדזער האַנט שוין מער ניט אַרוים.

אַלע דיינע אין דער נאַכט אָנגעצונדענע בליקן,
ברענען אין מיינע אָדערן ווי מיטנאַכט־ווייַן;
אייביק, ווי אַן אָדלער אויף די ווינטיקע בריקן,
וועל איך דיך זוכן און קיין מאָל ניט צו דיר דערגיין.

# הערסטו נישט?

פֿאַר יאָ מיהאַלי

מיט סאַמעט־פֿינגער לייכט און מילד
קריצט די נאַכט אין שטיין מיין בילד.
הערסטו נישט?

ווייס און קאַלט ווי די לבנה רויט
אין יעדן קריץ פֿון טויט די גלויט.
הערסטו נישט?

און אַלע שטערן אויף דעם האַרטן שטיין
גיסן אין בילד זייער שווייגן אַריין.
הערסטו נישט?

און איך וואַרט. אין אומטווינט
ווײנט אומזיסט אַ טויט־געבוירן קינד.
הערסטו נישט?

# מיין שוועסטער

אין איר שמייכל בליט דער האַרבסט און ווינטער,
די בלויע שרעק פון די אויגן פון אַ ווילדער חיה,
די איינזאַמקייט פון טונקל-פאַרלאָשענע וועלדער.

אירע הענט חלומען איר פון שאָטנדיק פאַרנאַכטיקע פליגל
וואָס שוועבן איבערן פאַרגליווערטן שווייגן פון דער ערד.

ביי נאַכט שפּיגלען זיך מלאכים אין איר לבנהיקן טרויער
און פון איר טיף-וואַכנדיק בענקענדיקער ליבע
שוידערט אויף אין קבר אַ לאַנג שוין געשטאָרבענער מאַן.

# שטיל גייסטו יעדע נאַכט

שטיל גייסטו יעדע נאַכט
נעבן מיר פאַרביי,
אין דיין איינזאַמקייט רוט
מיין אייביקער ווײ.

און דיין טיפער טרויערבליק,
דו קילער נאַכטיגאַל,
פאַלט ווי מאָנאָטאָנער רעגן
דורך דעם בלויען אַל.

עס איז די ווייטקייט פון הימל
וואָס האָט אונדז איינזאַם געמאַכט;
דער שטאַרבנדיקער קוש,
ווען ער בליט אין דער נאַכט.

דער אייביק-שטילער טרויער
פונעם פאַלנדיקן בלאַט;
דער טונקעלער פויגלפלי
איבער אַ פאַרחלומטער שטאָט.

די שלאָפנדיקע פרויענליפּן
אין זעלטענעם דופט;
די ווייסע מעלאַנכאָליע
אין דערווינטערלופט.

עס איז דער שטומער וואַנדערער
און דאָס שטילע קינד;
עס איז אַ כישופדיקע פידל
וואָס וויינט אין ווינט.

עס איז איך, עס איז דו,
עס איז ווי טאָג און נאַכט;
עס איז דאָס פאַרגעסן זיך
ווו די קינדהייט וואַכט.

שטיל גייסטו יעדע נאַכט
נעבן מיר פאַרביי,
אין דיין איינזאַמקייט רוט
מיין אייביקער ווײ.

## דערציילט דיר דער שפּיגל

ווען די מיטנאַכט האָט דיינע ליפּן איינגעהילט;
ווען פון קאַלטן שפּיגל די דעראינערונג רינט;
ווען דער קילער לבנה-שיין דיין בלוט קילט:
רעדן טויטע צו דיר אין פאַרלאָשענעם ווינט.

ווען געלעכטער לעשט זיך אויפן פאַלנדיקן בלאַט;
ווען די גרינע נעפּלען שוויגן פאַר דיין טיר;
ווען הארבסטיק גאָלד טריפט פון צווייגן מאַט:
רעד איך אין שאָטן פון געליבטע צו דיר.

ווען אין זייער קושן טיפע פאַרגעסנקייט רוט;
ווען מיט הייסן אָטעם זייער אומשולד פאַרגייט;
ווען אין שטאָלערנעם נעץ פאַנגט אונדז די שטאָט:
רעד איך צו דיר פון טיפער איינזאַמקייט.

ווען אין ים פון נאַכט שווימען בערג ווי שיפן אַריין;
ווען סימפאָניעס עפענען טויערן פון פאַרחלומטן לאַנד;
ווען דאָס שטילע נס גליט פון מיטנאַכט-וויין:
רעדט עמעץ מיט אַ לשון וואָס קיינער האָט ניט דערמאַנט.

ווען די פאַרנאַכט-זון רינט שטיל אין דיין בלוט;
ווען אונדזער בליק ווערט רעגנבויגן און קרישטאָל;
ווען אויף דיינע שלייפן פראָסטיק אַ גרויע האָר רוט:
דערציילט דיר דער שפּיגל לעגענדעס פון אַמאָל.

# נ ע כ ט

ווען די טעג פֿאַרזינקען,
קומען נעכט אַריין,
ווערט די וועלט פֿאַרשלאָסן
ווי האַרטער שטיין.

קומען ווייסע טעכטער
פֿון ברוינעם וואַלד;
קיל פֿון זייערע הענט
דאָס לעבן פֿאַלט.

טיף ווי דער טויט
איז די טעכטערס שווייגן,
און גאָטס שטערן
פֿאַרבלאַסט אין די צווייגן.

פֿאַרלאָשענע פֿינגער
גלעטן קיל מיין געזיכט,
שטעלן מיר צו קאָפּנס
שוואַרץ צעבראָכענע ליכט.

# מיטנאַכט פאַר אַן אַלטן בית-עולם

אין טיפער מיטנאַכט
אָטעמט מער ניט קיין טריט;
נאָר די שטילקייט וואַכט
און נעמט מיך אין איר מיט.

אין פענצטער פון שול
שווייגן אַלטע ספרים,
מתים שטייגן אַרויס קיל
פון פאַרגעסענע קברים.

שווער פון זיי צערינט
אַ טונקעלע סכנה;
מיטן צעשראָקענעם ווינט
סודעט זיך די לבנה.

שטערן אין פאַרלעשן זיך
ציטערן אַ ווײַלע אויף;
גאָט גייט אין ווײַסע שיך
דורכן אַלטן שולהויף.

שוואַרצע רויזן בליען
אין אויגן פון מתים;
און קאַלט זיי ציען
אין ווײַסע טליתים.

יעדער טראָגט אין הענט
זײַן אַשיק האַרץ און
איבער אַלע ברענט
אַ טויטע שוואַרצע זון.

# נאכט-עלעגיע

די נאַכט רינט פֿון דעם גוססדיקנס הענט
און טונקעלע קולות רוישן פֿאַר זיין טיר;
קינס שאָטן ציטערט אויף בלייכע ווענט
און אייביק וווינט זיין שרעק אין מיר.

פֿאַרבאָרגן וויינט די רגע פֿון פֿאַר-מיטנאַכט.
אַרבעטער בענקען נאָך ברויט און וויין;
אין זייערע חלומות ציען קיל פֿאַרטראַכט
זייערע הונגעריקע טעג אַרויס און אַריין.

קיינער האָט זיי ניט פֿון זייער בליק באַפֿרייט
וואָס טונקלט נאָך אפֿילו אין זונענשיין.
ווער ברענגט פֿאַר זיי יענע כּישופֿדיקע צייט,
ווען זיי לאַכן און זענען מער ניט אַליין?

איובס גייסט שוועבט שטיל אין בלויען אַל.
גרין ציטערן קוים די גרילן-געזאַנגען.
מיט קאַלטן אָטעם איז אינעם שאָטנדיקן טאָל
דער טונקעלער זין פֿון נאַכט אויפֿגעגאַנגען.

# װוּ אַהין ?

שװײַגן בלוטיקט אין זילבערדיקן קאָרן;
שטיל. מיטנאַכט איז אײביקײט געװאָרן.

װאָלקן און װינט רינען איבערן שטײן.
פון בית עולם אָטעמט טיף קברים־געװײן.

ברונעמס פאַרזינקען אין שװערן טרױם
קיל פאַלן פלעדערמײַז פון יעדן בױם,

פאַלן װײך אין טונקלען טױטן־שפּיגל;
קינדער־שרעק אָטעמט אויף זײערע פליגל.

אין שמש'ם האָר לאַכט פאַרבאָרגן גאָט —
שװאַרצע רױזן בליען אונטערן שמש'ם טראָט.

אין בעטלערס אויגן פראָסטיקן די צײַטן,
אויף זײַן שטערן גליען אײנזאַמע װײַטן.

װוּ אַהין ?

אין נעפּל־טליתים הילן זיך טאָלן אַצינד —
דעם בעטלערס געװײן גײט מיטן האַלבנאַכט־װינט.

שװײַגן בלוטיקט אין פאַרלאָשענעם קאָרן;
די צװעלפטע שעה — איז אײביקײט געװאָרן.

# נאכטלעך

שטערן פיבערן איבער שוואַרצע דעכער.
קאַנאַלן זינגען אוים אַ טונקל געזאַנג.
אַלע אויגן זענען פולע לבנהיקע בעכער
אָנגעפילט מיטן ביטערן מיטנאַכט־געטראַנק.

אבלדיק בעטן אַלטע נאַקעטע בוימער.
שטשורעס זענען שיכור פון פינצטערן נעקטאַר;
די רגע איז אַ שווייגנדיקער מתים־שומר
אין חלומות אויפגעבליטע פון צער.

שוועסטער, דו ביסט דער האַרבסט און רעגן.
איך פיר דיינע טויטע קינדער צום חצות;
און אויף קאַלטע מיטנאַכטלעכע וועגן
ברענט אין אונדזער טרער אַ קינה־אות.

הייב אָן — זיבן זונען האָבן דיין שמייכל צעהעלט,
אויף פליגל פון דער נאַכט טראָגט אַוועק זיך די אימה —
שוין כישופט אין דיין בליק יענע קומענדיקע וועלט
פון צעפלאַטערטע מלאכים און קאַיאָרן נאָך געהיימע.

דו ביסט דאָס ליכט וואָס שטראַלט פון אונדזער אויג אַרוים.
פון אונדזער געבוירן-רגע ביסטו דאָס טיפע שווייגן;
ווען דו שפּאַנסט פון אין-סופיקן בראשית אַזוי גרוים,
הערן מיר אין תהומיקן פאַלן דיין געזאַנג פון שטייגן.

אין דיין שאָטן רוען מיר אוים פונעם הייסן מידבר-ווינט,
אין דיין בענקשאַפט ווערן מיר תמיד אויפסניי געבוירן;
ווען פון אונדזערע גלות-טריט דער שווערער צער רינט,
מאַכסטו אין אונדזער חלום אויף ירושלימס זוניקע טוירן.

פון דיין צאָרן שמידן מיר אוים אַ פלאַמיקע שווערד
און קריצן פייערדיק איין אין הימל: — משיח מוז קומען!
און ביז דער לעצטער מת האָט דעם דערוואַרטן רוף דערהערט,
האָסטו מיט דיינע טרערן דעם פאַרשטיינערטן הימל איינגענומען.

דער לעצטער נביא האָט זיך צווישן דיר און גאָט געשטעלט
און אַ פלאַמענדיקער צעשטורעמט ער דעם פעלדזן פון אימה
און טראָגט אויף זיין שטערן די לוחות ברענענדיק צעהעלט
און אין זיינע אויגן דיינע ליכטיקע קאַיאָרן נאָך געהיימע.

## בײַ דער ירמיהו־סטאַטוע
## אין אַלט־זשענעווע

אײביק שטײען אױף טונקל־אַלטע פּלעצער
סטאַטועס שטײנערנע אין קאַלטן לבֿנה־שײַן
און שלײַכן טײַלמאַל אין אונדזערע חלומות
װי פֿינצטערע רוחות אַרום און אַרײַן.

דו אָבער שטײסט אַזױ פֿאַרשװיגן און גרױס
אין רגעס שװעבנדיקע צװישן סוף און באַגין
װי אַ גואל אַ באַפֿרײַטער פֿון זיך און צײַט
װאָס איז אַלײן דער סוד און דער לעצטער זין.

בײַ האַלבנאַכט־טױערן זאַמלט זיך דײַן פֿאָלק
צו די װײַטן אױסגעשטרעקט זײַן פֿלאַמיקע שװערד;
בשעת דײַן װאָרט גײט אױף נאַקעט און שװער
און װי דײַן צער בלײַבט עס פֿון קײנעם דערהערט.

װיפֿל נעכט האָט דײַן אײביק הײם אױסגעטונקלט,
װען גאָטס צאָרן האָט פֿאַרלאָשן ירושלימס קאַיאָר?
בײַ די גלות־שװעלן צינדט תּמיד דײַן געװײן
דעם טרױער פֿון ערשטן און דעם ייִנגסטן דור.

פֿאַרשטײנערט שטײ איך צװישן חלום און װאָר
פֿאַר דײַן סטאַטוע אין דעם קאַלטן לבֿנה־שײַן
און װײס: װעסט אײביק ציען אין אונדזער מיט,
גרױס װי דער אין־סוף און װי ער אױך — אַלײן.

# אויף די וועגן פון יידישן חלום

אין חלום גייען מיר אויף פאַרלאָשענע וועגן,
אונדזערע אויגן ברענען אַזוי שווער און קאַלט
און עמעץ טראָגט פאַר אונדז, אויף פאַרלאָשענע וועגן,
אין הענט אין בלייכע אונדזער ווייסע געשטאַלט.

די מוטער רחל קומט אַרויס פון דער לבנה
אין טכריכים, איר פּנים איז קרישטאָליק־קלאָר;
זי זעט, די האַלבנאַכט אין שיין פון דער לבנה,
פאַלט ווי שוואַרצער שניי פון אונדזערע האָר.

פון די ברוינע בערג, די בערג פון יהודה,
רינט דעם אָדלערס טרויער און באַגלייט
די געפאַלענע מלאכים אין די בערג פון יהודה,
אין שאָטנדיקן אָפּגלאַנץ פון אַ הייליקער צייט.

פאַר זיבן ברונעמער, די דעמערדיקע ברונעמער,
רעדט אַ ייד פון שלאָף צו די אבות און צום האַר —
און אויפן יידס אַשיקן שטערן, ביי די ברונעמער,
ברענט אַ פייערדיקער דאָרן און מידברשער צער.

עמעך קריצט אין דער נאַכט פאַרגעסענע תפילות
און פאַרלעשט די גלות-רגע פון אונדזער טריט —
וואַקסן מיר צום הימל, ווי די שטילע תפילות,
און נעמען פון דאָרט גאָטס שווייגן מיט זיך מיט.

פאַר די טויערן, ירושלימס בראשיתדיקע טויערן,
רעדט אַ נביא פון גאולה מיט אַ נישט-געבוירן קינד;
און דעם נביאס אויגן, פאַר ירושלימס טויערן,
שליסט ווי פאַרהיילטע וואונדן אַ הייסער מידבר-ווינט.

אין חלום גייען מיר אויף פאַרלאָשענע וועגן,
אונדזערע אויגן ברענען אַזוי שווער און קאַלט —
און עמעץ טראָגט פאַר אונדז, אויף פאַרלאָשענע וועגן,
אין הענט אין בלייכע אונדזער ווייסע געשטאַלט.

# די באַלאַדע פון דער צוועלפטער שעה

מויערן — שטיינערנע פאַרהאַנגען.
די לעצטע שעה איז אויפגעגאַנגען
קיל פאַרטראַכט.
אויף טונקעלע צווייגן שפינען
רגעס עפּעס אַ סוד און צערינען
אין טראָפּנס נאַכט.

גאַסן — אויפגעוויקלטע פּעכער.
אונטער די פאַרשוויגענע דעכער
וועקט זיך אַ ווינט.
ווי פון אויסגעטריקנטע קוואַלן
שטערן פאַרלעשן זיך און צעפאַלן
בלוי — ווי היאַצינט.

הייליק איז דעם בעטלערס וויינען;
טיף אין זיינע חלומות שיינען
מעת־לעתן פון נויט.
ווען ס׳רויכערט איבער אים דער הימל
דעם לעצטן און פראָסטיקן דרימל,
שמייכלט ער שטיל צום טויט.

אינעם קריגערס שטאָלערנע אויגן
האָבן שלאַנגען גרינע אַדורכגעצויגן
בלויטיקן טוי;
עמעץ בייגט זיך איבער זיינע וווּנדן,
נאָר זיינע ליפּן האָבן זיך אָנגעצונדן
קברימדיק־בלוי.

יחזקאלס ביינערדיקע שליחים
הילן זיך אין ווייסע תּכריכים
און שווייגן קאַלט.
איוב ווערט מיט יעדן דור געבוירן
און שפּיגלט אין מיטנאַכט־טויערן
אַבלדיק זיין געשטאַלט.

אסתּר, ווער זאָל דיין שמייכל באַדאַרפן?
דודס פינגער האָבן אויף האַרפן
לאַנג שוין דערברענט.
ווען די צוועלפטע שעה איז אויפגעגאַנגען,
האָט גאָט פאַר די שטיינערנע פאַרהאַנגען
זיך אַליין דערקענט.

# אמן

אינעם געפרוירענעם גלאַנץ פון שטערן
פאַרגליווערט דאָס פּנים פון אַ חיה;
די רגע וואָס בליט נאָך
אויף דער חיהס טויטע ליפּן,
דערשרעקט זיך
פאַר דעם קאַלטן שווייגן פון הימל.

איבער די שטומע מאַסקעס פון נאַכטלעכע פייגל
פאַרקלינגט דער פאַרשוויגענער
געקלאַנג פון שטערן־געדריי.
שוועסטער,
דיין וויים־שמאָל פּנים
בייגט זיך
איבער די קילע טייכן פון חלום
— די סודותדיקע שפּיגלען פון אמת.

די מינוט
וואָס האָט פאַר האַלבנאַכט זיך צעפליגלט,
צינדט אָן דעם אָטעם פון אַן אייביקייט —
און אויף אַלע טונקעלע וועגן
בליט אויף דער אָפּגלאַנץ
פון ברענעדיקע מלאכים
ביינאַכט
ווען פון שלאָפט
שעפּטשעט דער פרומער: אמן!

# מיר

פאַר הערמאַן העססע און ענטפּער

ווי, זיבן זונען האָבן מיין הארטן שאַרבן צעבראָכן
און טויזנט נעכט רייסן זיך פון מיין אויג אַרויס —
די דורות אין גערײנגל אין מיר ווילן זיך פאַריאָכן
און שוין מישט מיך מיין שוויים מיט די טויטע אויס.

דער אָטעם פון קריגער ברענט אַרום דער ערד ווי פלאַנעטן,
אויף מיין שטערן קריצן פעלקער היעראָגליפן פון נויט —
מיין גייסט איז דער פלאַמען-קיטל פאַר יחזקאלס סקעלעטן
און פאַר הונגעריקע מלאכים אַ בבל-טורעם פון ברויט.

ער אָבער שווייגט. — אין אַל שפּאַנט ער אייזיקע מינוטן
און צעשיידט אונדז פינצטער אין נעכטן און היינט;
אַזוי ציען מיר נאַקעט צווישן גוט און נישטגוטן
נביא און קינד מיט פייער-הענט צי מיטן וואָרט „פריינד“.

אָ, מיר זיינען ווי איוב נאָר צו זיך דערגאַנגען,
דורך צער אין בלוטיקן אַש פון אָרעם און רייכן טראָט —
איינגעוויקלט אין קללות ווי אין פלאַמיקע שלאַנגען
בלייבט מענטש צו מענטש גלייך ווי גאָט צו גאָט.

# אורשוויץ

פון אַ וואַנדערונג אין מאַדעראַנער טאָל
מיטן פרײַנד און דיכטער קאַרל זעליג

איר ווילדע בערג
אין פאַרשטיינערטן טרויער
די ווייסע גלעטשער
אָטעמען
ווי פראַסטיקע לבנהס.
דעם אָדלערם טונקעלער פלי
כישופט
איבערן גרינעם אומרו פון טאָל.

שוויגן — דיינע ווייסע טריט
דעמערן קאַלט אין מײַן האַרץ;
אין מיינע אויגן וויגן זיך
די קילע וועלדער
וואָס די בערג טראָגן
אין הענט פון גראַניט.

שטומע געטער!
אייער צאָרן שטורעמט
אוים צעריסענע שטיינערדיקע ברוסטן
פון אייביקייט צו אייביקייט
— בלינדער וואַסערפאַל!

טונקעלע גייסטער שוועבן
צווישן פעלדזיקע ווענט —
געשריי פון דער שקיעה
אויף נאַקעטע בערגשפּיצן:
אין שפּיגל פון אייגענעם בלוט
האָט אַ פאַרוואונדערטער פויגל
דעם טויט דערקענט.

הייסער צער,
איר שטיינערדיקע טיטאַנען!
אייערע שטומע נשמות
גליווערן צווישן דונער און בליץ!
אויפגעטורעמט אין שווייגן,
געשלאָגן
פון שווערער מרה שחורה,
שטייט איר,
פינצטער פאַרשלאָסענע גולמס
צווישן מענטש און גאָט.

פייער
איז מיין ווילדע שרעק!
די שנייאיקע בערגשפיצן
שניידן דורך מיין האַרץ
און לייכטן אין מיר קאַלט
ביז אין מיין טויט.

אין טאָלן
גייט די נאַכט אַרום נאַקעט
ווי דאָס וואָרט.
באַפליגלט
פלאַטערן בערג אַוועק צו די שטערן.
אויף טייכן
ליגט אָפּגעקילט אַ זאַטע לבנה;
די אַנדערע
ליגט אין דער הייך אבלדיק געפאַנגען.
פּאַר קלויסטערס
זעען דאָס אַלט־פאַרשוויגענע פויערטעס
און ציטערן אויף:
„עס איז די הייליקע מאַריאַ מאַגדאַלענאַ,
וואָס טובלט זיך אין הימל,
אין טייך,
און וויל באַפרייען
אונדז פון זינד.“
אַזוי פיבערן די אַלטע פּאַר קלויסטער פּאַלאַצן.
נאָר דער ווינט
זאָגט בלויאיק: עס פּויקט אויף זילבערדיקע טאַצן
אַ טויטער בער אַצינד.

# מ מ ע מ ק י ם

קיל־בלויער זאַמד — די שטערן צערינען,
ווייס שיט זיך די לבנה דורך די ביימער;
באַלד וועט די נאַכט — דער קברים־שומר,
פאַרלעשן איינזאַמע נשמות און צערינען;
פייערהענט צינדן אַשיק דעם באַגינען.

אין אַזאַ שעה, שוועסטער, ווייסטו פאַרלוירן
און שפּיגלסט זיך אין די טויטע אויגן
פון דיינע קינדער וואָס זענען אַדורכגעצויגן
דיין חלום ווי רויך וואָס גייט פאַרלוירן;
רחמים בעט די שעה פון זייער געבוירן.

נעם איך, שוועסטער, דיינע טרערן צוזאַמען
און צינד זיי אָן ווי אַן אייביקן פאַקל
אין בלוטיקן אַש פון נעכטיקן סך הכל
און שפּאַן מיט פאַרגעסענע דורות צוזאַמען,
וועקן אַ פאַרשטיינערטן משיח מיט די פלאַמען

און זאָג תּפֿילה — ווער קען זי פֿאַרנעמען?
ווער זאָל אין מיין תּפֿילה נתגלה ווערן?
גאָטס צאָרן וויקלט זיך אַרום מיין שטערן,
באַלד וועט ער מיין גוסס-רגע פֿאַרנעמען.
און שטום אין פֿינצטערער ערד זי איינקלעמען.

מיינע אבלדיקע מינוטן בעטן שטיל נדבות —
דעם טויטן טאַטנס פֿינגער צינדן פֿאַרן עמוד
מיינע אויגן אָן אַזוי ווי אַ נר תּמיד,
צוליכטן זאָלן זיי דער נאַכט וואָס זאַמלט נדבות
פֿאַר ניט-געבוירענע אייניקלעך און טויטע אבֿות.

אין אַזאַ שעה, שוועסטער, די שטערן צערינען;
קיל שיט זיך די לבֿנה דורך די ביימער
און ווי די נאַכט — דער קבֿרים-שומר,
פֿאַרלעשן איינזאַמע נשמות און צערינען;
אפֿשר איז ניט פֿאַראַן קיין שעה אין דעם באַגינען?

# יידישער סאָנעט

# יידישער סאָנעט

די פּיראַונצוואַנציק סאָנעטן פֿאַר רעגי און טשאַרלס אוקין

## א

דו פֿאַרנעמסט ניט מיינע אייביקע יסורים!
בין איך אפשר ניט דיין לעצטער וועג, דיין זין?
דאָס אויג מיינס וואָס אין העלן ליכט אַנטפּלעקט דיין פּורעם,
בלייבט אַלץ פֿאַרגליווערט אין דיין האַרטן יום-הדין.

דו וויגסט מיך אָדלערדיק אויף פֿלאַמענדיקן שטורעם
און שליידערסט מיך — אַ טראָפּן צום צערין.
מיט טויזנטער לשונות ווי ביים בבל-טורעם
פֿאַרטונקלסטו אין מיר דיין אייגענעם באַגין.

איך וויים, פֿון פֿלייש און בלוט בין איך געמאַכט,
מיין גייסט איז נאָר אין דיינע טואונגען געפֿאַנגען
און פֿינצטער אויף דער וואָג פֿון טאָג און נאַכט

— בין איך דער אָטעם נאָר פֿון נאַקעטע פֿאַרלאַנגען
און אפשר גאָר אַ קראַפֿט וואָס איז נאָך ניט דערגאַנגען
ווי דו — צו לעצטער און באַשטימענדיקער מאַכט?

## יידישער סאָנעט

### ב

ווי אונדז! מ׳ין מוזן מער ווי אונדזער וואָרט פאַרבלאָזן,
הגם מיר זענען דעם בראשית׳ס אָנהייב-זין;
מיט וועלט-באַשאַף קען אונדזער דימיון זיך פאַרקנסן,
נאָר ניט מיט אונדזער לעצטן, אונדזער אור-באַגין.

דו אָטעמסט אוים אין יעדן וואָרט דאָס לעבן קיל-געלאָסן
און אייביק זעסטו שטום פון שטערן דעם צערין;
פון ליבשאַפט איז דיין גייסט באַפליגלט און פון האָסן,
נאָר זאָגן קענסטו קיין מאָל ניט ווי גאָט: איך בין!

מיר זענען שפיגל פון זיין שוויגנדיק געשטאַלט.
דורך אונדז האָט ער דאָס לעבן מיט דעם טויט פאַרבונדן;
ווען איינס פאַרלעשט זיך און אין קברים-אַש צעפאַלט,

איז העל פון ס׳ניי אַ צווייטס שוין אָנגעצונדן.
אַזוי פאַרגייען מיר און גייען אויף אין וווּנדן
און לעבן אייביק היים און שטאַרבן אייביק קאַלט.

ג

פאַרלאָשן איז דעם נביאס ליכט אין נביאס חלום
און אָפּגעטון פון אונדז איז לאַנג שוין יעדער נס;
אונדז בלוטיקט שוין דיין וואָרט אפילו — שלום!
און תמיד זעטיקט אונדז דער סם פון דיין מעת-לעת.

עמעץ זייעט פינצטער מאָן פון הבל און הבלים,
און נאַקעט ליגן מיר אין אומקום פון פאַרגעם —
בעת אַ פרומער מלאך שעפּטשעט אַלץ: באַצאָל אים!
ביז־וואַן׳ אין קבר וועקט דער וואָרעם זיך צום פרעם.

און ווען מיר האָבן דיך אין אונדז געוואָלט דערגרייכן,
דערוועקט אוים דיין יצירה־סודותדיקן זין —
צעוויקלט האָסטו אונדזער סוף. אַזוי ווי אין באַגין,

שטייט ווידער ניי פאַר דיינע שטיינערדיקע הייכן
אַ נייער דור און פיבערט פראַסטיק אויף אַ צייכן
ווי מיר — ביז צו די רגעס פונעם לעצטן יום הדין.

ד

מיט וויפל נעכט האָסטו זייער בליק געשלאָגן,
מיט וויפל פּיין האָסטו זייער מי פאַרברענט!
זיי שפּיגלען זיך אין קברימדיקן טאָגן
און ברענגען שטראַלן דיר אין טויטע הענט.

דער נביא ציט מיט דיין באַשאַף־מחשבה;
אין פרעמד פאַרטריבן, פראָסטיקט ער אין ווינט.
עס גליט דיין שווייגן קאַלט ווי אַ נדבה
און ווי די שאַרף וואָס שעכט אונדז נאָך אַצינד.

מיט סם צעגיסט זיך ליבשאַפט אין נשמה,
ווען נאָר מיט שינאה איז די וועלט פאַרקנסט;
אין קבר וועקט מען זיך ביים וואָרט: נקמה!

דער טויט שטייט הינטער יעדן פריינד צו גאַסט;
און וו די רגע ליכטיקט שטיל דיין ווערן,
דאָרט בליט נאָר זייער טויטנשוויים — און טרערן.

## יידישער סאָנעט

ה

זיי טראָגן נאַקעט זיך ווי גלאַנץ פון שטערן
אויף הייסן אָטעם פון די פלאַמען־פליגלפערד
און האַלטן אין די הענט צעוויגט אַ בליציק שווערד
צעברענט פון אור־צייט שוין אין טונקעלע באַגערן.

די רגעס וואָס דיין אייביק ליכט זיי זאָלן מערן —
זיי טונקלען אויס דאָס אויג אונדז ווי די קבר־ערד;
און יעדער נייער דור וואָס פרוכפּערט זיך און מערט,
צערינט אין ים דעם זאַלציקן פון אייגנע טרערן.

אין שאָטן זוכן מיר פון יעדן טאָג דיין שלמות;
באַפליגלט פון נשמה פון דיין אַל און טויט —
געפינען מיר נאָר אין מצבות איינגעקריצט די אימות

פון אַ וועלט וואָס אייביק ליגט אין נויט
און אָטעמט תמיד דיין בראשיתדיקן גלאַנץ,
אַ ווונדערלעכע אין איר פאָרם און דאָך ניט גאַנץ!

# יידישער סאָנעט

ו

פאַרשטיינטע פעלדער אונטער חשכות־נאַכט;
דעם זעלנערס שאָטן ציטערט תמיד לאַנג
פאַר רגעם פונעם לעצטן שלאָף. און באַנג
און שוואַרץ ביי אים אַ מלאך זיך פאַרטראַכט.

פון זעלנערס שלייפן סופיקט רויט די שלאַכט;
זיין מורא וויקלט אים אַרום — אַ שלאַנג!
צערינען באַלד וועט שטיל זיין לעצטער קלאַנג
ביי קילע טויערן פונעם טויט פאַרמאַכט.

ווער צינדט אויף אונדזער שטערן משוגעת?
איז אפשר דער סך הכל דאָס, דיין זין?
אַז תמיד, שוין פון ערשטן אור־באַגין,

מיר ציען אין תכריכים שוואַרץ פון האָס,
און דאָס וואָס אונדז מיט לעבן האָט פאַרקנסט,
דיין נאַקעט וואָרט איז און דיין טויטער גאַסט.

ז

צו דיר מתפלל בין איך אין יסורים
און רוף דיך היים אוים טיפער נויט;
אַ רגע־בלענד בין איך פון גייסט און פורעם,
צום לעבן צוגענאָפּלט און צום טויט.

דעם אָדלער וואָס דו וויגסט אין בליצן־שטורעם,
דעם נאַקעטן ווי איך — נאָר ביין און הויט —
אים טראָגסטו העכער איבערן בבל־טורעם
וואָס מיר מיט טויטשווייס האָבן אויפגעבויט.

איך ווייס, מיך האָסטו פון דער ערד גענומען,
מיין אויג האָסטו צעהעלט מיט ליכט וואָס רינט
אין אונדזער גרויסן צער וואָס איז שוין בלינד

פון אייביקן פאַרגיין און אייביק קומען,
אַז בלייבן זאָל עס ביזן גאָר־פאַרשטומען —
אַ סימן פאַר דיין אייביקן אַצינד.

## יידישער סאָנעט

### ח

מיין גייסט — וואָס ביסט מיין צער אוןווילדער פלאַמען־רייטער —
אין בויגן דיינעם — וועלכער בליץ איז ניט געשפּאַנט!
דו ביסט מיין שטאָלצער און געטרייער ליכט־באַגלייטער
און וויגסט די ערדקויל אויף מיין נאַקעטיקער האַנט.

פאַרזאַמלט האָבן זיך אויף אויסגעברענטע שייטער
צו תפילה מיינע אבות, בלוטיק און אין שאַנד;
אין חושך זייגן מאַמעס טויטע קינדער ווייטער
און פרעגן: גאָט, ווו איז דיין אַלט און הייליק לאַנד?

צו כישוף־הימלען האָסטו מיך מיט זיי געריסן,
נאָר מיינע פליגל מיר מיט דונער־בליץ פאַרברענט!
און מיין אַראָפּפאַל וויפל תהומען מוזן שליסן,

ביז דיין בראשית כ׳האָב אין קלענסטן שטויב דערקענט?
און קרוינסטו אפשר נאָך איין מאָל מיין לעצט פאַרלאַנגען —
פאַרלעש מיך, איידער ביסט אַליין צו גאָט דערגאַנגען!

ט

דיין מרה־שחורה, איוב, ווײַל אַלץ גאָט דערצײלן,
אַ פינצטערע וויקלט זי אַרום זיך אונדזער שטערן;
צום הימל שטרעקסטו אויס די הענט ווי פײַערזײַלן,
אין דײַנע אויגן ימען אָטעמען פון טרערן.

די ניט־געבוירענע אייניקלעך, זיי טון דערציילן
פון אונדזערע געשטראָפטע מענטשלעכע באַגערן;
פון יעדן גוף אַ מכה וועט אַרויס זיך שײַלן
און וונדיקן — אַ סימן פון זײַן קאַלט צעשטערן.

צינד אָן די חושים אין זײַן וואַכנדיקן גײַסט,
לאָז הענגען שטום פון טאָג די וואָגשאָל און פון נאַכט
און וויים: ווי לאַנג אַ מענטש אויף אונדזער ערד נאָך וואַכט.

איז ער אַן אָפּגלאַנץ נאָר, אַן אָטעם נאָר וואָס קרײַזט,
אַרויסגעאָטעמט היים פון זײַן פאַרשווייגנער מאַכט,
און קיין מאָל ווערט ער ניט פון איר און ניט פון זיך דערלייזט.

# ייִדישער סאָנעט

י

גע׳שטאַלטן איר פאַרלאָשענע פון אימה,
מיט אויגן — ימען שוואַרצע פון דער צייט;
נאָך טורמען כוחות הויך זיך די געהיימע
פון געטער אייביקע מיט מענטש אין שטרייט.

און פעלקער ציען צו תהום־אין־סופן
און גייען אויף אין פייער פון דער שלאַכט;
די שטערנס האָבן זיי פאַרבלוטיקט אָפן —
צעהאַקטע לוחות אין דער שינאה־נאַכט.

אַז אַלץ וואָס ער געבאַטן, איז פאַרגעסן;
אוים קברים מאָנען טויטע חשבון, זין;
אַריינגעוויקלטע אין גרויל־מעת־לעתן

זיי צינדן שוואַרצע ליכט צום יום־הדין.
נאָר ער פאַרשוויגן איז פאַר אונדזער ווײ
און וויל אוים צער דעם מענטש ניט מאַכן פרײ.

# יידישער סאָנעט

## יא

איר דורות, איר פֿאַרשוויגענע פֿון קאַלטן טויט;
איר וועלדער, איר פֿאַרשטיינערטע צו אין־סוף־נאַכט —
ווען אונדזערע שטערנס רויכערן פֿון שרויט
און פֿון די ליפּן בלוטיקט אויס די שלאַכט

פֿון אונטער שוואַרצע פּאַנען פֿול פֿון טיפֿער נויט —
אין שוויַיגן שטייט ער פּראַסטיק איבער אונדז פֿאַרטראַכט
און טיילט די רגעס אויס ווי לעצט געבליבן ברויט;
און שוואַרץ מיר רופֿן אַלץ נאָך צו דער לעצטער שלאַכט!

איר דורות, שאָטנס אַלע איר פֿון רגע־בלענד,
אין ימען זאַלציקע פֿון קאַלטער מרה שחורה —
איך ווייס, אַז תמיד, ווען מיר האָבן בלוט דערקענט

און דעם בראשית־גייסט וואָס פֿרייד צעהעלט און מורא —
פֿאַרבליבן זענען מיר סיי מענטש און סיי דער בורא
און ביידע האָבן נאַקעט מיר אין זיך געשענדט.

יב

געשטאַלטן העלדישע אין קבר פֿון זכרון,
קרישטאָל-בערג אויפֿגעטורעמטע פֿון אור-אַמאָל —
דער אָטעם דער צעוויקלטער פֿון אייער צאָרן
ווי אָדלער טראָגט ער אונדז אַריבערן חשבֿות-טאָל;

ווען שינאה איז אַ ברענענדיקער טייך געוואָרן
און מעסערדיק ווערט מענטשנס בליק ווי פֿייער-שטאָל —
זענט איר צעוואַקסן גרויס אַזוי אין אונדזערע יאָרן
און ווידער ציען מיר אַרויס פֿון ביינערטאָל.

אויף ס'ניי טראָגט איר מיט אונדז זיך צו דערגרייכן
צו יענע ווייטן וווּ דער מענטש זאָל לעבן פֿריי —
די פֿעלקער אָבער שלאָגן אויף די פֿעלדזן-הייכן

אַ שלאַכט אַ בלוטיקע בראשית-אַלט און ניי —
און נאַקעט בלייבן מיר מיט אונדזערע פֿאַרלאַנגען
און ווײ! צום אָנהייב ניט און ניט צום סוף דערגאַנגען!

יג

פֿאַרשוויגנע זונען, קאַלטע היעראָגליפֿן־צייכן,
אין אייך האָב איך אַן אָפּגעשטאָרבן פֿאָלק דערקענט,
געשטורעמט האָט עס מיט אַ הייסן שטערן די הייכן —
לסוף צערונען ווי די שאָטנס אויף די ווענט.

מיר אַלע קענען זיך צו זייער גורל גלייכן:
אין זייער צער אויך אונדזער האַרץ האָט זיך דערברענט;
און זייער דורות־חלום הערט ניט אויף צו שלייכן
אין אונדז מיט אַש־קאַיאָרן אין פֿאַרברענטע הענט.

יאָרטויזנטער באַצווינגט האָט איר מיט אייער שווייגן
און ווען אין קבר מוז זיך אונדזער בענקשאַפֿט לייגן,
בלייבט איר דער סוד פֿון אייער אייביק נייעם גאַנג;

ווען גאָט אין אונדזער פּנים שפּיגלט זיך און באַנג
ווערט אים פֿאַר אונדזער שווערן פֿאַלן, שווערן שטייגן —
בלייבט איר אייך תמיד גלייך אין אייער מאָס און קלאַנג.

יד

זיין וואָרט גייט אויף ווי דאָס קאַיאָרן-ליכט,
און שטראַלט אין אַלץ דעם אָנהייב שטיל אַריין,
בעת זיין טונקל-שווייגנדיק געזיכט
פאַרשטיינערט איז אין אייביק-טיפער פּיין.

אין הימלען אָפענע ער קריצט זיין ציל;
ווער קען ביים נביא דען דעם לעצטן מיין?
אין צייטן קרייזן זיי פּלאַנעטיש-קיל,
אומענדלעך שפּאַנען זיי בשעתן שטיין.

דער לעצטער איז אויך אַלץ בראשית-גלאַנץ;
זיין בליק — דעם הימל צינדט ער בליציק אָן,
זיין אָטעם האַלט די ערד צונויף — און גאַנץ

איז ער אין אַלץ דער שטענדיק נייער טאָן;
נאָר ווען פון אונדזער טרער זיין שטערן גרויט,
דאַן ווייס איך: לענגער לעבט פון אַלץ דער טויט.

טו

דו לעצטער שוידער, פראָסטיק־קאַלט פאַרשטומען —
דער טאָג, די נאַכט אין גוסם זיך צעפאַלט;
צום מישפּט פון תהום ביסטו געקומען,
אַרויפגעשטיגן קיל און שטום צעשטראַלט

פון גרויסן שווייגן. אייביק־אַלטער טרויער —
ער טריפט פון דיינע פליגל, שוואַרצער מלאך,
און אַלץ פאַרשווייגן שטייסטו אויף דער לויער
און מעסט קיין צייט ניט, מעסט ניט קיין מהלך.

און אפשר שטייט שוין איצט מיין רגע שטיל?
נאָר מיין נשמה וויגט זיך אין יסורים,
זי יאָגט אַרום זיך ווי אין הייסן שטורעם

און פינצטער פרעגט זי נאָך דעם מענטשנס ציל —
נאָר דו, דו שפּיגלסט גרוים זיך אין מיין פורעם,
און ביסט בראשיתדיק פאַרשטיינט און קיל.

## טז

דו אָטעמסט תמיד היים אין וואָרט: נקמה!
און פריידיק בליט דיין בליק אויף קאַלטער שווערד;
דו זאַמלסט איין די מתים צו נחמה
און זייער שומר בלייבסטו אויף דער ערד.

די קללה איז דיין סימן אין מלחמה.
דיין טריט אַ ניט־געבוירן קינד דערהערט —
מיט שרעק האָסטו צעאַשט אונדז די נשמה,
פון דיין געפרוירענעם בליק ווערט אַלץ צעטרערט.

דער שוואַרצער רעגן ביסטו פון די צייטן
און יעדער דור בליט אַלץ נאָר פאַר דיין שניט;
נאָר וואָס פון זייער גייסט און זייער טריט

איז אויפגעגאַנגען נאָך פון דורות־ווייטן,
איז אויך פון גאָט אַ צייכן — און באַגלייטן
וועסט דו ניט מער עס אין דיין קאַלטער מיט.

יז

איר דורות איר פֿאַרשטיינטע אייביק נאָר צו שטומען,
איר אָטעמט תּמיד צווישן האַלבענאַכט און ווינט;
ווען אייער שווייגן האָט צעבליט די שוואַרצע בלומען
אין אונדזער חלום, ווערסטו, אונדזער רגע, בלינד.

לבנהיק־קיל און שטיל די טויטע שוועסטער קומען,
אין זייער שטערן איינגעקריצט איז זייער זינד;
זיי טראָגן קינדער טויט־געבוירענע — באַנומען
פֿון קאַלטן צער וואָס לעשט דעם אָנהייב און אַצינד.

איר רופֿט צו תּפֿילות מיך, פֿאַרגעסענע איר מתים,
ווי ס׳וואָלט זיך אייער אָנהייב אויף דאָס ניי צעהעלט —
און וויקלט מיך אַרום מיט שעהן ווי טליתים,

אַז לעבן זאָל איך אין אַ צווייאיק־פֿרעמדער וועלט;
מיין גורל־חלום וואָס צו גאָט איז עולה־רגל,
זאָל ווינטיקן צו אים אויך אייער שוואַרצן זעגל.

יח

פאַרשטיינערט פון דער ערד ווערט איר נאָך אַלץ געטראָגן,
צו שפּיגלען אין די הימלען אייער נאַכט־געשטאַלט —
איר מתים — וויל ניט אייער שווייגן גאָט דעריאָגן
אין אונדזער רגע וואָס צערינט שוין ווייס און קאַלט?

ווען אייער שטילע האָפנונג איז אין אונדז פאַרפלאָכטן,
ווערט אייער פאַל פאַר אונדז פון אויפשטייג דער באַגין —
כאָטש נאַקעט איז דאָס מעסער וואָס האָט אייך געשאָכטן
און נאַקעטער די שעה פון גרויסן יום־הדין.

ווי טונקל לייכט דאָס פעלד פון אייער שווערן שווייגן
און אָטעמט צווישן פעלקער קיל אין זייער בליק!
מלאכים זעט מען פינצטערע אַנידערשטייגן

וואָס ברענגען זייער תפילה אויף דער ערד צוריק.
און טראָגן די געשטאַלט פון אייך לבנה־העננט,
זעט אוים: ער האָט נאָך אַלץ ניט זיך אין אייך דערקענט.

## יידישער סאָנעט

יט

אייך וויל איך, קאַלטע נאַכטלעכע געשטאַלטן,
באַשווערן: איין מאָל לאָזט דאָך, ערגעץ ווו
פאַרשלאָסן בלייבן זאָל זי און באַהאַלטן,
אָט אָ די געטלעכע, די שפּעטע רו,

ווען אַלע בלויע נאַקעטע געשטאַלטן
צו מיר און דיר פאַרליבטע שמייכלען צו
און טרינקען פונעם בעכער, דעם ערד־אַלטן,
מיט גאָט די ערשטע און די לעצטע רו.

און אפשר וועט איר מיך אין צער דערהערן,
איר פינצטערע מלאכים פון דער נויט:
ווו אייער גייסט אין שטענדיקן צעשטערן

אויף פליגלען פינצטערע אונדז ברענגט דעם טויט —
האָט אונדזער דורותדיק און אייביק ווערן
כביכול שמייכלענדיק עס אויפגעבויט.

# יידישער סאָנעט

## כ

לבנה — בלייכער שאָטן פון פאַרשוועכטן קינד.
אין שווייגן ליגט פאַרשטיינערט איצט דער וואַלד.
די אויגן פון די שלאָפנדיקע ברענען קאַלט
אויף פליגל, פינצטער־נאַקעטע, פון נאַכט און ווינט.

אייזיק איז דער אָטעם גאָטס, בעת ער רינט
אין דעם אבלדיקנס פרומער וואַקס־געשטאַלט —
דער מאַמעס לעצטער שמייכל איצט אין אַש צעפאַלט;
אפשר איז ניט מער פאַרהאַן קיין שעה אַצינד?

די ביינער וואַרטן ניט מער אויף אַ נס אין טאָל;
פאַרלאָשן איז דאָס ליכט פון חלום און פון וואָר;
תמיד קלאָגט יחזקאל אין דעם לעצטן דור

און פינצטער לעשט ער אוים דעם היינט און דעם אַמאָל.
זע, די אין־סוף־רגע צווישן זיין און טויט
טיילט שוין באַלד מיט מיר און דיר איר לעצט שטיק ברויט.

כא

מיין שוועסטער דו פון אונדזרע זונען־יוגנט־טעג,
נשמהדיקער שפּיגל, ריין־קרישטאָליק קינד —
די חיה וואָס דער יעגער האָט געזוכט אין וועג,
מיר האָבן תמיד זי באַהאַלטן שטיל אין אָוונטווינט.

די רגעס אונדזערע — זיי האָבן רווישנדיק געבליט
אין זילבערדיקן גריל פון זומערדיקן פעלד;
געראונען תפילהדיק איז חצות פון טאַטנס ליד,
מיט כישוף־שאָטנס פון אַ טיף־פאַרבענקטער וועלט.

ויהי — געווען אַ מאָל אַ הייליק־שטילע שטאָט
און ווי דער רויך פון האַלבנאַכט שוואַרץ איז זי אַוועק;
נאָר זע, ס'איז תמיד נאָך דער אייביק־גרויסער גאָט.

גרויס אין אונדזער האָפענונג, אין אונדזער שרעק —
פאַרברענט ער אַשיק אונדזער וואָגלדיקן טראָט
און נעמט פון אונדזער אויג דאָס לעצטע ליכט אַוועק.

כב

מיין אוצר, מלאך דו מיט די קרישטאָלנע פליגל,
פאַרכישופט גלאַנצן דו פון האַלבענאַכטיק שפיל!
זיין העכסטע מאָס ביסט תמיד דו, זיין פורם און ציל
און אפשר פון דעם אמת גאָר דער ריינער שפיגל?

זיין אויג רוט ליכטיק אויף דיין דעמערדיקן וויגל
און בלוי צעהעלט עס איבער דיר קדושהדיקע שטיל —
גענידערטע מלאכים קושן דיך אין שטערן קיל
און גלי׳ן אין האַרץ דיר איין פון צייט דעם זיגל.

באַלד וויקלט זיך די זון אַרום דיין גבורה־האַנט!
הייב אָן! דיין אַדלערבליק צעריסן האָט די וויטן —
דיין שטערן שטורעמט בליציק באַלד אין אַלע זייטן,

פון גאָט צעלויכטן, מענטש און קינד און אבות־לאַנד;
נאָר עמעץ, וואָס נאָך ניט געבוירן, ניט באַקאַנט,
וואַרט פינצטער שוין און וועט דיך אין דיין סוף באַגלייטן.

כג

פון דורות אָנגעפילטער בעכער דו מיט סמען,
ווו אונדזער הײנט זיך מישט מיט דעם אַמאָל —
דײַן וואָרט צעפלאַקערט זיך מיט צאָרנדיקע פלאַמען
און דונערדיק שטײט אויף דײַן בײנערטאָל.

ווען דײַן בראשיתדיקער אָטעם שליסט צוזאַמען
די טויטע קנאָכן אין אַ פורמענדיקער שאָל,
דאַן וועקן אויף אוים קאַלטן שווײַגן זיך די שטאַמען
און טרעפן אַלץ אַ הימל הארט נאָך ווי קרישטאָל.

ביסט גרוים אַזוי פון אין־סוף־אָטעם שטיל צעברענט
אין אונדזער דורותדיקן חלום אויפגעשטאַנען
און דו צעהעלסט אַ לעצטן סוד וואָס איז פאַראַנען

אין אָנהייב וואָס נאָך קיינער האָט נאָך ניט דערקענט;
נאָר באַלד וועט דיך די רגע שווײַגנדיק דערמאַנען,
אַז דער באַשאַף פון אַלץ ליגט נאָר אין זײַנע הענט.

כד

דו גרויסער גאָט, דו גאָט אין אַלע אונדזערע צייטן!
דו, זע: געוויקלט אין תכריכים פון מעת־לעתן,
עס וואָגלט אום דיין פאָלק אין גלותדיק פאַרגעסן,
אַ מלאך אַ פאַרשטיינערטער טוט עס באַגלייטן.

די זונען דיינע פלעגן זייערע טריט צעהעלן,
פאַר די פאַרכישופטע ירושלים־טויערן;
אָט דאָרט ווו דו האָסט נביא און דאָס קינד געבוירן
מיט ליכט בראשיתדיקן אויף די דורות־שוועלן.

עס אָטעמט אונדזער בליק שוין ניט מער אין דיין ווייט;
דער דאָרשטיקער געפינט סיי ווי דיין קוואַל ניט מער;
אַז אַלץ: דער מענטש, דער הימל, זין, באַשאַף־באַגער,

פון ספקות איז און פון דיין שווייגן קאַלט באַגלייט —
און וואָס פון אונדזער דימיון אויפגעבלים איז שווער,
איז בלינד אין דויערדיקן און איז אַש פון צייט.

# הייליקע שעה'ן

# הייליקע שעה׳ן

פאַר יוסף בערנפעלד

הייליק שקיעהדיקע שעה!
דעם טאַטנס שטילע תפילה
און די אָנגעצונדענע רגעס,
אָטעמען
ווי נאַכטרויזן
מיט טונקעלן ליכט און רו —
זיין שאָטן
אויף די ווייסע ווענט
וויגט אַריין
דאָס שווייגן פון פאַר חצות.

די ברכות
וואָס נעסטיקן
אין דער מאַמעס קיילעכדיקע אויגן,
צעפליגלען זיך
מיט שטערנדיקער שטילקייט;
איר פרומער שמייכל
באַגלייט אונדז
דורכן חשכותדיקן גאָרטן פון שלאָף.

שבת.
מיט אָטעמדיקער סודותדיקייט
ציטערן דער מאַמעס ליפּן
און באַהעפטן זיך
מיט די נשמהדיק-צעברענטע ליכט;

אירע סאַמעטענע טריט
ווערן שטיל און ווייס;
דורך די שלייערן
די נעפּלדיקע
פון איר טיפן שווייגן
פאַרנעמען מיר דעם אָטעם
פון דער וועלטס שלאָגנדיקן האַרץ.

הייליק-שבתדיקע שעה!
דער מאַמעס שטילע הענט
און איר לייכטנדיק פּנים
אָטעמען מיט בענטשנדיקער רו:

„— לאָז אונדז, הימלישער דו,
וואָס מיר זענען דיין אייביקער קרייז,
אויפגיין אין דיין רו
ווען מיר וועלן ווערן אַלט און גרייז,

און אונדזער זאָמען
לאָז בליען נאָר פאַר דיר, פאַר דיין לויב,
פאַר דיין הייליקן נאָמען,
דו — וואָס האָסט אונדז באַשאַפן פון שטויב —"

און די טרערנדיקע בלויקייט
פון אירע שבתדיקע אויגן
עפענען אונדז די טויערן
פון אַ לאַנג פאַרגעסענעם הימל.

# אינהאלט


איבעריק ווערט מיר . . . . . . . . 11
דער אָנהייב . . . . . . . . 12
מלחמה . . . . . . . . 13
מיין מאַמע . . . . . . . . 14
דאָס געטאָ ברענט . . . . . . . 16
מען פירט זיי צום שחיטה־פּלאַץ . . . . . 18
מיין פאָלק . . . . . . . . 20
מיר קענען אייך . . . . . . . . 22
טויט און ווידערגעבורט . . . . . . . 23
קוים זע איך דיין שטיינערן פּנים . . . . . 26
די באַלאַדע פון ישו און אַ יידיש קינד . . . . 28
אַ קליינע באַלאַדע . . . . . . . 30
דערהאינגערונג. . . . . . . . 32
איך הער די טויטע וויינען . . . . . . 34
ברוינע שקיעה . . . . . . . . 36
אַן אַלט מאָטיוו . . . . . . . . 37
פאַרוואָגלטע דורות . . . . . . . 38
ממעמקים . . . . . . . . 40
מע אנו . . . . . . . . 42
די ביינער אין טאָל ליגן פאַרגעסן . . . . . 44


## געזאַנג פון פאַרגיין


צו די פאַרלאָשענע דורות . . . . . . . 49
בראשית . . . . . . . . 52
דער קרייז . . . . . . . . 53
האַרבסטיקע שעה'ן . . . . . . . . 54
איינזאַמקייט און דערמאַנונג . . . . . . 58
טיפעניש פון עבר . . . . . . . 61
אומעט . . . . . . . . 65
שקיעה . . . . . . . . 66
טרויעריק לעבן . . . . . . . . 68
געזאַנג פון פאַרגיין . . . . . . . 70
שפּיטאָל־באַלאַדע . . . . . . . . 72
שרעק פאַרן טויט . . . . . . . . 76
ביים אָפענעם קבר פון אַ דיכטער . . . . . 77

„ניי־יאָר" . . . . . . . . . 78
באַלאַדע . . . . . . . . . 79
האַרבסט . . . . . . . . . 80
דו . . . . . . . . . . 81
די שוואַרצע וואַסערן . . . . . . . . 82
דו וואָס פרעגסט ביים בלינדן גורל . . . . . . 84
צום אין־סוף . . . . . . . . . 86
דער מענטש . . . . . . . . . 88
מענטשלעכער טרויער . . . . . . . . 90
אין־סופיקע רגעס . . . . . . . . 94
צוויי סטראָפעס . . . . . . . . 95


## געזאַנג פון אַ וואַכנדיקן

אין שטילע רגעס . . . . . . . . 99
און דו זאָגסט : עס איז גוט . . . . . . 100
אמן . . . . . . . . . . 102
די רגע פאַר מיטנאַכט . . . . . . . 104
געזאַנג פון אַ וואַכנדיקן . . . . . . . 106
נאָך אַ נאַכט . . . . . . . . . 107
אידיליע . . . . . . . . . . 108
צו לאהן . . . . . . . . . . 109
האָסט מיך פאַרלאָזן . . . . . . . . 110
הערסטו נישט ? . . . . . . . . . 112
מיין שוועסטער . . . . . . . . . 113
שטיל גייסטו יעדע נאַכט . . . . . . . 114
דערציילט דיר דער שפיגל . . . . . . . 116
נעכט . . . . . . . . . . 117
מיטנאַכט פאַר אַן אַלטן בית־עולם . . . . . 118
נאַכט־עלעגיע . . . . . . . . . 119
ווו אַהין ? . . . . . . . . . 120
נאַכטלעך . . . . . . . . . 121
רחל . . . . . . . . . . 122
ביי דער ירמיהו־סטאַטוע אין אַלט־זשענעוו . . . . 123
אויף די וועגן פון יידישע חלום . . . . . 124
די באַלאַדע פון דער צוועלפטער שעה . . . . 126
אמן . . . . . . . . . . 128
מיר . . . . . . . . . . 129
אורשווייץ . . . . . . . . . 130
שווייצאַריש מאָטיוו . . . . . . . . 133
ממעמקים . . . . . . . . . 134

## יידישער סאָנעט


א דו פאַרנעמסט ניט מיינע אייביקע יסורים . . . 139
ב ווײ אונדז! מיר מוזן מער ווי אונדזער וואָרט פאַרבלאָסן 140
ג פאַרלאָשן איז דעם נביאס ליכט און נביאס חלום . . 141
ד מיט וויפל נעכט האָסטו זייער בליק געשלאָגן . . 142
ה זיי טראָגן נאַקעט זיך ווי גלאַנץ פון שטערן . . 143
ו פאַרשטיינטע פעלדער אונטער חשכות־נעכט . . 144
ז צו דיר מתפלל בין איך אין יסורים . . . . 145
ח מיין גייסט — וואָס ביסט מיין צער און ווילדער פלאַמען־רייטער . . . . . . . 146
ט דיין מרה־שחורה, איוב, וויל אַלץ גאָט דערציילן . . 147
י געשטאַלטן איר פאַרלאָשענע פון אימה . . . 148
יא איר דורות, איר פאַרשוויגענע פון קאַלטן טויט . . 149
יב געשטאַלטן העלדישע אין קבר פון זכרון . . . 150
יג פאַרשוויגנע זונען, קאַלטע היעראָגליפן־צייכן . . 151
יד זיין וואָרט גייט אויף ווי דאָס קאַיאָרן־ליכט . . 152
טו דו לעצטער שוידער, פראָסטיק־קאַלט פאַרשטומטע . 153
טז דו אָטעמסט תמיד היים אין וואָרט: נקמה! . . 154
יז איר דורות איר פאַרשטיינטע אייביק נאָר צו שטומען 155
יח פאַרשטיינערט פון דער ערד ווערט איר נאָך אַלץ געטראָגן 156
יט אייך וויל איך, קאַלטע נאַכטלעכע געשטאַלטן . . 157
כ לבנה — בלייכער שאָטן פון פאַרשוועכטן קינד . . 158
כא מיין שוועסטער דו פון אונדזרע זונען־יוגנט־טעג . . 159
כב מיין אוצר, מלאך דו מיט די קרישטאָלנע פליגל . . 160
כג פון דורות אָנגעפילטער בעכער דו מיט סמען . . 161
כד דו גרויסער גאָט, דו גאָט אין אַלע אונדזערע צייטן . 162


## הייליקע שעה׳ן


הייליקע שעה׳ן . . . . . . . . . . 165

פון זעלבן מחבר איז דערשינען 1947 אין פאַרלאַג
קאַרל פּאָזען אין ציריך:

**הערסטו נישט, יידישע לידער.**

(אין לאַטייניש טראַנסקריפּציע מיט אַ דייטשער איבערזעצונג).

אין פאַרלאַג

די גאָלדענע פאַווע

זענען דערשינען:

מיעדניק אהרן: משלים, ערשטער באַנד

" משלים, ערשטער באַנד, גרויסע אויסגאַבע מיט 20 צייכענונגען פון מ. באַהעלפער.

" פּאָעמען 1.

יונגמאַן משה: אין שאָטן פון מולד, פּאָעמען.

דאָס בוך איז געדרוקט אין 1200
עקזעמפּלאַרן. 50 עקזעמפּלאַרן זע־
נען געדרוקט אויף לוקס־פּאַפּיר
ARCHES און נומערירט
פון 1 ביז 50

פֿאַרענדיקט דעם דרוק דעם ערשטן
יולי אין טויזנט נײַן הונדערט דרײַ
און פֿופֿציק אין דער דרוקערײַ פֿון
י. שעכטער אין פּאַריז

געזעצט פֿון מ ר ד כ י ה ע ר ש ב ו י ם

געדרוקט פֿון נ פ ת ל י מ י ל נ ע ר